STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10972

DER LIGEN FUN DER RELIGYON

Max Simon Nordau

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. מארקס נארדוי.

דער ליגען פֿון דער רעליגיאן.

ארויסגעגעבען פֿון דער גרופּע „פרייהייט".

לאנדאן, אויגוסט, 1901.

די רעליגיאָן איז איינע פֿון די מעכטיגסטע און פֿערברייטעסטע אינסטיטוציאָנען (איינריכטונגען), וועלכע מיר האָבען גע׳ירש׳ענט פֿון דער פֿערגאַנגענהייט. דאָס גאַנצע מענשליכע געשלעכט שמאַכטעט אונטער איהר יאָך. זי שמיעדט מיט די זעלבע קייטען די העכסטע און די ניעדריגסטע ראַסען, און די רינגען פֿון דיזער קייט טשעפּען צונויף אין געפֿיהל און בילדונג גלייך דעם נעגער פֿון אויסטראַליען, ווי דעם ענגלישען לאָרד. די רעליגיאָן דרינגט דורך אַלע פֿאָרמען פֿון׳ם פּאָליטישען און געזעלשאַפֿטליכען לעבען, און דער גלויבען אין איהרע אונבעגרייפֿליכע לעהרזעצע איז די ערקלעהרליכע אָדער אונאויסדריקליכע בעגרינדונג פֿיר דיזע גערעכטסגילטיגקייט, אָדער צוואַר — די מעגליכקייט פֿון אַ גאַנצער רייהע האַנדלונגען, וועלכע פֿאָרמירען די שטופּע פֿון קריטישער ענטוויקלונג אָדער די איבערגאַנגס-שטעלען אין דעם לעבען פֿון אַ יעדען אינדיווידואום (יחיד). עס געפֿינען זיך נאָך פֿיעלע ציוויליזירטע לענדער, וואו יעדער איינער מוז געהערען צו אַ וועלכע עס

איז רעליגיאָן. קיינעם פֿרעגט מען ניט איבער זיין אמונה, זיינע איבערצייגונגען, נאָר יעדער איז געצוואונגען צו בעלאַנגען צו אַ געוויסער גלויבענס־פֿאָרם. די וועלט האָט אַביסעל פּראָ־ גרעסירט זייט דער געגען־רעפֿאָרמאַציאָנס־צייט אונטער די בלוטיגע מאַריע 1), — אין שפּאַניען וועהרענד דעם זעכצעהנ־ טען יאָהרהונדערט און אין דער צייט פֿון די פּיוריטאַנער 2) אין נייען־ענגלאַנד 3), וואו יעדער בירגער איז געצוואונגען, אונ־ טער די שטרענגסטע שטראָף, צו נעהמען אַנטהייל אין די עקזיסטירענדע רעליגיעזע צערעמאָניען; נאָר אין אַלגעמיין גענומען, איז דיזער פּראָגרעס געווען אַ גאַנץ לאַנגזאַמער. דער שטאַאַט דרינגט ניט מעהר אַ יעדען איינעם תפילה צו טהון און זיך מתודה צו זיין, ער האָט אויפֿגעהערט די בע־ שטראַפֿונג דורך בראָטען און ברענען פֿיר די ניט פּינקטליכע בעזוכונג פֿון די קירכע; דאָך פֿאָדערט ער נאָך פֿון דעסטוועג־ גען, אין געוויסע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע לענדער, דאָס יעדער איינער זאָל, ווייניגסטענס, זיין פֿערשריבען אויף דער מעמבער־ליסטע פֿון אַ וועלכער עס איז רעליגיעזער גע־ מיינדע און דורך די מיטעל פֿון זיינע זשאַנדאַרמען און גע־ ריכט, פּרעסט ער אויס געלדער פֿון אַלע זייטען.

די רעליגיאָן נעהמט אויף אין איהרע אָרעמס ביי זיין געבורט דעם קינד פֿון׳ם ציוויליזירטען לעבען, זי ווערט אַן אַרויפֿדרינגליכע חבר׳טע, וועהרענד זיין גאַנצער עקזיסטענץ, און זי וויל איהם ניט אַרויסלאָזען פֿון איהרע נעגעל אפילו אויף׳ן טויטען בעט. אַ בירגער ווערט געבאָרען — זיינען די עלטערען גענעהטיגט איהם צו טויפֿען אָדער מל־זיין (ביי אידען), ווייל, פֿערציכטענדיג, וועלען זיי אין איניגע לענדער פֿעראורזאַכען זיך אַ שטראָף און פֿערפֿאָלגונגען פֿון׳ם שטאַאַט.

---

1) ערקלעהרונגען זעה לעצטע זייטע.

וויל ער חתונה האָבען — קען ער עס ניט סיידען אין דער קירכע אָדער שוהל, און סיידען מיט דער מיטהילפֿע פֿון'ם גלח אָדער רב. געוויסע לענדער אַנערקענען אַ ציוויל־התונה אַלס אַ געזעצליכע, עס איז אמת, נאָר, ערשטענס איז עס נאָר איינגעפֿיהרט ביי זעהר אַ קליינע צאָהל; און צווייטענס — דאָרט וואו זי איז שוין איינגעפֿיהרט, געפֿינען זיך מעכטיגע קרעפֿטע, וועלכע אונטערגראָבען זי; און, אין דריטען פֿאַל, זיינען די געזעלשאַפֿטליכע מנהגים אָבגעשטאַנען פֿון'ם געזעץ, און פֿאָלגליך, אין יענע געגענדען אפֿילו, וואו די ציוויל־חתונה ווערט שוין אַנערקענט, — אַנערקענט איהם די פֿאָרטוועהרענדע אינסטיטוציאָן ניט אַלס פֿאָלשטענדיג. ער שטאַרבט—בעגלייט דער גלח אָדער רב זיין גוף ביז'ן קבר, און ער ווערט דאַרגעשטעלט צו רוהען אויף'ן בית עולם נאָר מיט דער הסכמה און דינים פֿון דער רעליגיאָן. אין פֿיעלע הינזיכטען איז דער בעסטער מיטעל גוט צו מאַכען זיינע אינטערעסען מיט אַ שבועה, וועלכע איז באַזירט אויף רעליגיעזע אידעען. ער וויל דיענען זיין פֿאַטערלאַנד, פֿערגיסענדיג זיין הערצענס־בלוט אויף זיין בעפֿעהל — קען ער עס ניט, סיידען ער שווערט טרייהייט אין גאָטעס נאָמען; ער ווענדעט זיך צו די געזעצליכע אויטאָריטעטען, זיי זאָלען בעשיצען זיינע רעכטע—פֿערלאַנגט מען אויך פֿון איהם אַ שבועה. ער קען ניט זאָגען קיין עדות פֿאַר זיינעם אַ מיט־בירגער אָהנע צו שווערען; אויך קען ער ניט, וואו ער זאָל צו ערשט ניט שווערען ביים איינטריט, בעשיצען די רעכטע פֿון'ם פֿאָלק. אויך ניט פֿערטרעטען אַ וועלכע עס איז עפֿענטליכע שטעלע. אַ לייטענשאַפֿטליכע ווידערשטעלונג האָט בעגעגענט און געליטען אַ נידערלאַגע דער נייער פֿאָרשלאַג אין פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, אַז מע זאָל אומענדערען דאָס שווערען אויף אַן עהרענוואָרט. אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פֿון דער ציווילי־

זירטער וועלט קען מען ניט געפינען קיין אייןווינקעל, וואו מען זאל זיך האבען בעפרייט פון דער אבסאלוטער הערשאפט פון דער רעליגיאן.

מיר לערנען פון דער געשיכטע, דאס פאמיליע, אייגענ־טהום, שטאאט און רעליגיאן זיינען די פארמען, אונטער וועלכע די ציוויליזאציאן האט זיך ענטוויקעלט. קיינע פון די אלע פיער פארמען אומפאסען ניט אזא גרויסע צאהל אינדיווידוען (יחידים) ווי די לעצטע. עס זיינען פאראן פיעלע מענשען, וועלכע שטעהען אויסערהאלב דער פאמיליע—ממזרים, פאר־וואגעלטע קינדער, די פערזשמורקעטע אין די שטעט, למשל —חאטש אין די שפעטערע יאהרען קענען די זעלבע בילדען פאמיליען דורך די הייראטה אדער קאמבינאציאן. די געוועהנ־ליכע פערברעכער, די ארעמע קלאסען אנערקענען ניט קיין אייגענטהום. אין דער מיטע פון אונזער העכסט רעגולירטער ציוויליזאציאן, מיט איהר פער׳כפל׳ונג פון געזעץ, איהר רע־גיערונגס מאשינערי, מיט איהר ארמיי און אפיציעלע בעאמטע, געפינען זיך אבגעזונדערטע גרופען—די ציגיינער למשל, כמעט אין אלע געגענדען פון אייראפא,— וועלכע שטעהען ניט צו צו דער ארגאניזאציאן פון׳ם שטאאט: זייער געבורט, זייערע חתונות און טויט ווערען קיינמאל ניט רעדזשיסטרירט; זיי צאהלען קיינמאל ניט קיינע אבגאבען, זיי ערפילען ניעמאלס די מיליטער־פפליכט; זיי האבען קיין בעשטענדיגען אויפענט־האלטס־פלאץ, אדער א פאליטישע נאציאנאליטעט; און ווען זיי וואלטען אפילו עס געוואלט, וואלטען זיי ניט קיין קליינע אונאנגענעהמליכקייט געפיהלט אריינטרעטענדיג אויף׳ן באדען פון א נארמאלען, בירגערליכען לעבען, דען זיי קענען ניט פראדוצירען קיינע געשטעמפעלטע און מיט פאליציי־אונטער־שריפטען בעדעקטע צייגניסע, אהן וועלכע דער זון פון דער מאדערנער ציוויליזאציאן, נומערירט און געציילט נאך׳ן טיי־

קעט, קען ניט בעקומען קיין ריכטיג־גילטענדע אַנערקענונג ניט דאָס ער לעבט, ניט דאָס ער איז געשטאָרבען, נאָר גאַנץ אַנדערש איז עס מיט דער רעליגיאָן; די צאָהל פֿון די, וועלכע שטעהען אויסער דער רעליגיאָן איז זעהר אַן אונבעדייטענדע. אַ פֿעראיין פֿון פֿריידענקער איז געגרינדעט געוואָרען אין דייטשלאַנד, וועלכער האָט דאַרגעלעגט יענע, וואָס האָבען שוין אַראָבגעוואָרפֿען די ירושה־קייטען פֿון דער רעליגיאָן— די מעגליכקייט צו ערקלעהרען זייער עמאַנסיפּאַציאָן. זי בע־שטעהט קיים פֿון אַ טויזענד מיטגליעדער נאָך מעהרערע יאָהרען פֿון איהר עקזיסטענץ, נאָר אויך די מעהר צאָהל פֿון זיי פֿיגורירען נאָך אויף די ליסטען פֿון אַ וועלכער עס איז רע־ליגיעזער געמיינדע. אין עסטרייך איז איינגעפֿיהרט אַ געזעץ, אַז יעדער זאָל זיך פֿריי קענען ענטזאַגען פֿון דער קירכע, אָבער ווייניגער פֿון פֿינף הונדערט מענשען האָבען זיך בע־נוצט מיט דיעזער פּריווילעגיע; נאָר אפילו פֿון דיעזער צאָהל, זיינען די מעהר צאָהל ניט געווען דיעזע מענשען, וועמעס עהרענגעפֿיהל האָט זיי מיטגעבראַכט, דאָס זיי זאָלען ברייננ־גען זייער אויסערעס לעבען אין איינקלאַנג מיט זייערע אי־נערליכע איבערצייגונגען, זאָנדערן וואַרען, אָדער מענשען פֿון פֿערשיעדענע גלויבענס, וועלכע האָבען געשטרעבט זיך צו פֿעראייניגען אין הייראַטה און האָבען זיך בעגעגענט אויף׳ן נייטראַלנעם געביעט, ביידע ענטזאַגענדיג זיך פֿון דער רעלי־גיאָן, אין וועלכער זיי האָבען זיך ערצויגען, אָדער אידען, וועלכע האָבען זיך איינגעבילדעט, דאָס זיי וואָלטען געקענט ענטרינען די פֿאָלקס־פֿאָראורטהיילע געגען זייער ראַסע, ער־קלערענדיג, עפֿענטליך, דעם פֿאַקט, דאָס זיי האָבען זיך אָפֿיציעל ענטזאַגט פֿון׳ם גלויבען פֿון זייערע עלטערען. דיזער לעצטער מאָטיוו וואַר אַזוי אָפֿט, דאָס די טערמינען „איד" און „אונגלויביגער" האָבען בעקומען דען זעלבען צונאָמען אין

עסטרייך, אַזוי דאָס דער סעקרעטער פֿון׳ם וויענער אוניווערזיטעט האָט אויס׳ן גוטען מוטה בעמערקט: „פֿאַר וואָס זאָגט איהר ניט גלייך אַרויס דעם אמת, אַז איהר זייט אַ איד?,” ווען אַ וועלכער עס איז קאַנדידאַט צום אַריינטרעטען אין אוניווערזיטעט פֿלעגט ענטפֿערען „אונגלויביגער”, אַז מען פֿלעגט איהם פֿרעגען צו וואָס פֿאַר אַ רעליגיאָן ער בעלאַנגט—איינע פֿון די געוועהנליכע פֿראַגען, וועלכע מען שטעלט דעם קאַנדידאַט. פֿראַנקרייך איז די לאַנד, וואו דער פֿרייער געדאַנק האָט אויסגעקעמפּפֿט פֿון דאָס געזעץ, אָבער ניט פֿון די געזעלשאַפֿט, די גרעסטע בעוויליגונגען זיך צו בעפֿרייען פֿון׳ם יאָך דער רעליגיאָן. נאָר עבען אין פֿראַנקרייך האָט זיך די גרעסטע צאָהל פֿריידענקער נאָך ניט געקענט אין גאַנצען ענטוויינען און ליגען ביי דער גיפֿטיגער ברוסט פֿון דער קירכע, צו וועלכער זייערע עלטערען געהערען, זיי געהען צום געבעט און זיינען זיך מתודה, זיי הייראַטהען פֿאַר׳ן אַלטאַר, זיי ברייַנגען טויפֿען זייערע קינדער און קאָנפֿאָרמירען זיי און לאַדען איין די גייסטליכע צום טויט־בעט פֿון זייערע פֿריינדע. די צאָהל פֿון די, וועלכע ערציהען זייערע קינדער אָהנע צו טויפֿען אָדער קאָנפֿאָרמירען איז זעהר אונבעדייטענד, און נאָך זעלטענער פֿערלאַנגען זיי צו בעקומען אַ ציווילע בעערדיגונג. אין דער פֿרייהייטס־ליבענדער ענגלאַנד ערלויבט דאָס געזעץ און די עפֿענטליכע מיינונג צו בעלאַנגען צו אַ וועלכער רעליגיאָן אָדער סעקטע מיר ווילען; מיר קענען זיין בודד׳יסטען, אָדער תפילה צו טהון צו דער זון מיט די פּאַרסעים, אָבער מען ערלויבט אונז ניט זיך צו רופֿען אַטהעאיסטען. ברעדלאָ האָט געוואַגט זיך צו רופֿען אַטהעאיסט, און פֿאָלגליך האָט זיך די געזעלשאַפֿט פֿון איהם אַוועקגעקעהרט, מע האָט איהם אַרויסגעיאָגט פֿון׳ם פּאַרלאַמענט און ער וואַר פֿערוויקעלט אין אַן אונגלויבליך־פֿערפלאָנטעטער אַפֿערע.

אַזוי שטאַרק איז דער איינפּלוס פֿון רעליגיאָן אויף יעדען גייסט, אַזוי שווער איז עס זיך אָבצורייסען פֿון דער געוואוינהייט צו אַנגעהערען דירעקט אָדער אינדירעקט אַ וועלכער עס איז קירכע, דאָס אפּילו די אַטהעאיסטען, וועלכע טרייען צו פֿערנעהמען דען פוסטען פּלאַטץ דורך אַ נייעם אידעאַל מעהר אין איינקלאַנג מיט אונזער וועלט־בעגריף, פֿעהלט זיי אַזוי פֿיעל מוטה, דאָס די פֿון זיי ערפֿונדענע נייע גערעכטיגע אידעע פֿון׳ם שכל, גיבען זיי דעם נאָמען רעליגיאָן, וועלכע ערינערט אונז אָן אַזוי פֿיעל קינדערשע נאַרישקייטען פֿון דער מענשליכער ראַסע. אין בערלין און אין אַנדערע ערטער פֿון נאָרד־דייטשלאַנד האָבען די פֿריידענקער קיין בעסערען נאָמען ניט געפֿונען פֿאַר זייערע געזעלשאַפֿטען אַלס די „פרייע רעליגיעזע געמיינדע", און דאַוויד פֿרידריך שטראַוס רופֿט דעם אידעאַליזמוס, וועלכער בעהויפטעט אין עצם, דאָס עס איז ניט פֿאַרהאַנדען קיין איבערזינליכע רעליגיאָן,—די „רעליגיאָן" פֿון דער צוקונפֿט. ערינערט עס אייך ניט אין דעם אַנעקדאָט פֿון יענעם אַטהעאיסט, וועלכער האָט אויסגעשריען: „ביי גאָט, איך בין אַן אַטהעאיסט?!"

2.

דאָ איז דער פּלאַץ, דאָס איך זאָל פּערהיטען מיינע לעזער פון אַ טעות. ווען איך רוף די רעליגיאָן אַ ליגען באין פלוגתא (קאָנוועַנציאָנעלער בל״ע״ז, דער איבערזעצער) אין דער היינטיגער ציוויליזאַציאָן, זאָ פּערשטעה איך ניט אונטער׳ן וואָרט רעליגיאָן דעם גלויבען אין איבערנאַטירליכע, אונבעגרייפּליכע כוחות. דיזער גלויבען איז ביי די מעהרסטע מענשען עהרליך. אונבעוואוסטערהייט איז ער נאָך פּאַראַן אפילו ביי די זעהר ענטוויקעלטע מענשען, און נאָר זעהר וויינִיג קינדער פון׳ם נייענצעהנטען יאָהרהונדערט זיינען איינפּערשטאַנדען מיט דער נאַטורוויסענשאַפּטליכער וועלט־אַנשויאונג, וועלכע זייער שכל בעגרייפּט פאַר די ריכטיגע, דאָס זיי זאָלען שוין אויך דורכגעדרונגען האָבען די פינסטערע צעלען פון זייער מוח אין דיעזען קדשי־הקדשים, וואו עס רוהען זייערע רעיונות, זייערע געפּיהלען און חלומות, אין וועלכען דער טמע׳ער שכל דאַרף געוועהנליך ניט בעטרעטען. אין דיזער פּערבאָרגענער דונקעלהייט האָבען די פּערצייטיגע

פֿאָראורטהיילע און אַבערגלויבערישע פֿאָרשטעלונגען די אויס־בערמאַכט געהאַט, און זיי פֿון דאָרטען צו פֿערטרייבען איז אַ סך שווערער, אַלס צו פֿעריאָגען סאָוואַס און פֿלעדער מייז פֿון די ווינקלאַך און די שפּיצען פֿון די קלויסטערס.

אין דיעזען זיענען, דאָס הייסט, דאָס האַלטען זיך נאָך ביסלעכווייז אָדער אין גאַנצען, ביי די איבערזינליכע איינביל־דונגען, איז די רעליגיאָן נאָך טאַקי אין אמת׳ען אַ זעהר וויים פֿערברייטעטע גייסטיגע קראַנקהייט, וועלכע איז אונז נאָך בירושה געבליבען פֿון די קינדערשע יאָהרען דער מענשהייט; איך געה נאָך ווייטער און זאָג זי איז אַן אָרגאַנישע שוואַכ־קייט, וועלכע איז די אונפֿאָלקאָמענהייט פֿון אונזערע דיינקונגס אָרגאַנען, דאָס זי איז אַן אַרט אָבקומענעש. איך וועל מיר די טרחא נעהמען צו ערקלעהרען דיזע בעהויפּטונגען, כדי עס זאָל ניט אויסקומען אונפֿערשטענדליך.

די פֿילאָלאָגיע (די שפּראַכען ערפֿאָרשונג), צוגלייכענדיג מיטהאָלאָגיע (געטער בעשרייבונג) און די עטנאָגראַפֿיע (פֿעל־קער־בעשרייבונג) האָבען זעהר פֿיעל מיטגעהאָלפֿען אונז צו ערקלעהרען די געשיכטע, ווי אַזוי דער רעליגיעזער געדאַנק איז ענטשטאַנדען און ווי ער האָט זיך ענטוויקעלט; און די פּסיכאָלאָגיע האָט אונטערנומען דעם געלונגענעם פֿערזוך, נאָכצואווייזען, ווי אַזוי דער פּרימיטיווער מענש (דער פֿער־צייטיגער) איז געקומען זיך פֿאָרצושטעלען איבערנאַטירליכע כוחות און ווי דער ציוויליזירטער מענש האַלט זיך ביי דיזער איינבילדונג.

ערשט נאָך מעהרערע טויזענדער יאָהרען פֿון ציוויליזאַ־ציאָן, ערשט נאָך אונצעהליגע דורות פֿון אַזוינע טיעפֿע דיינ־קער ווי פּיטהאַגאָראַס, סאָקראַטעס און פּלאַטאָ 4) איז ערשט דער מענש געקומען צום פֿערשטאַנד, דאָס געוויסע פֿאָרשטעלונגען האָבען קיין ממשות ניט, דאָס זיי זיינען נאָר

צו ערקענען אַן אַרט און ווייזע פֿון אונזער דיינקען. ביי דער אַריינדרינגונג פֿון די ערשטע ליכט־שטראַהלען אין אונזער פֿערשטאַנד האָבען די נייע אידעען מיט אַזאַ אַנשטריינגונג געשטירצט די אַנשוואונגס־געביידע פֿון'ם פֿאַרצייטיגען מענשען, דאָס דער היינטיגער ציוויליזירטער מענש, וועלכער איז געוואוינט צו איבערזינליכעם דיינקען און עמפּפֿינדעט ניט דיעזע אונגעהייערע גייסטעס־אַנשטריינגונג, וואָס דאָס האָט געקאָסט, קען ער עס ניט בעגרייפֿען. פֿאַר דעם ווילדען מענשען זיינען צייט, אָרט און סיבה, עבען גאַנץ זאָ ווירקליכעס און האָט דאָס זעלבע ממשות ווי די געגענשטענדע, וועלכע זיינען אַרום איהם, און וועלכע ער פֿיהלט נאָר דורך זיינע פּראָסטע בעגריעפֿע. ער שטעלט זיך פֿאָר די צייט, אַלס אַ מין בעשעפֿענים, וועלכע פֿרעסט זיינע קינדער; דער וועלט־רוים דאַכט זיך איהם אַלס אַ וואַנד, אויסגעמויערט אַרום דעם האָריזאָנט, וועלכער זעהט ביי איהם אויס, ווי אַן אונגעהייערער דאַך אָדער אַ קופּאָל, וואו דער הימעל מיט די ערד קומען זיך צוזאַמען; און ער געפֿינט די סיבה פֿאַר אַזוי נויטווענדיג, פֿאַר אַזוי פֿיעל אונצושיידבאַר פֿון די ערשיינונגען, דאָס ער גיט איהם די פֿאָרם, וועלכע קומט נעהענטער ביי האַנד און וועלכע ער פֿערשטעהט מעהר—די בעוואוסטע האַנדלונג פֿון אַזאַ מין וועזען פונקט, ווי ער אַליין. פֿאַלט אום אַ בוים אין וואַלד, דאַן מיינט ער, קען עס נאָר אַ לעבעדיגעס וועזען אומגעוואָרפֿען האָבען; אויב די ערד ציטערט, דאַן, ערקלעהרט ער זיך, מוז זי דאָך מסתמא אימיצער אַרומשאָקלען, און אַזוי, ווי די פֿאָרשטעלונג פֿון „יעמאַנד איינעם" איז נאָך פֿיר זיין אָרעמען גייסט נאָך צו אונבעשטימט און דערפֿאַר אויך שווער צו פֿערשטעהן, דאַרום גיט ער איהם די בעקוועמע פֿאָרם פֿון אַ מענשען. דער זעלבער דיינקונגס־פּראָצעס רופֿט ביי איהם אַרויס אַלע ערשיינונגען, וועלכע קומען איהם פֿאָר.

אַלס אַ ווידערשטאַנדס־לאָזער שקלאַף פֿון די פֿאָרשטעלונגען איבער די סיבות, זוכט ער די אורזאַכע פֿון יעדער ערשיינונג, וועלכע ער בעמערקט, און אַזוי ווי ער האַנדעלט אָדער, מיינט צו האַנדלען אין געוויסע הינזיכטען נאָך זיין אייגענעם ווילען, דאַן, מיינט ער, מוז אין דער נאַטור אויך דאָס זעלבע פֿאָרקומען, וואָס ביי איהם אַליין, און ער אַנערקענט אין איהרע ערשיינונגען די אַרבייט פֿון אַ ריזיגעס וועזען, וועלכעס איז דעם מענשען עהנליך. דאָ אָבער, מאַכט זיך איהם צום ערשטען מאָל אַן אורזאַכע פֿערוואונדערט און ערשטוינט צו ווערען, ווען זיין ווייב מאַכט פֿייער מיט דעם, וואָס זי רייבט צוויי שטיקלאַך האָלץ אָן אַנאַנדער, ווען זיין חבר טויטעט אַ חיה מיט אַ שטיינ־האַק, דאַן בעגרייפֿט ער די אורזאַכע פֿאַר וואָס דער פֿייער ברענט אויף און פֿאַר וואָס דאָס טהיער פֿאַלט טויט. ווען, אָבער, דער ווינד וואַרפֿט אום זיין שטיבעל אָדער דער האָגעל פֿערוואונדעט איהם, דאַן זעהט ער ניט דעם וועזען, וועלכעס עס פֿעראורזאַכט דיזע געוואַלט. דאָס דיזעס וועזען עקזיסטירט, דאָס ער איז לעבען איהם, דאראַן קען ער ניט צווייפֿלען, דען זיין שטיבעל ליעגט אַן איינגעפֿאַלענע און די וואונד, וועלכע דער האָגעל האָט איהם פֿעראורזאַכט, שמערצט איהם; אימיצער מוז עס דאָך געטהאָן האָבען, און אַז ער האָט עס געטהאָן, מסתמא האָט ער עס דאָך געוואָלט. און אַזוי ווי ער קען אָבער ניט כאַפּען דיזעס וועזען, וועלכעס טהוט איהם אַזוי אָפֿט שלעכטס, דאַן האָט ער שטענדיג מורא און ער ציטערט אימער, דען ער פֿיהלט אַן אונבעקאַנטע געפֿאַהר, געגען וועלכער ער קען זיך ניט פֿערטהיידיגען, און אָט דיעזער געפֿיהל איז דער אָנפֿאַנג פֿון דער רעליגיאָן.

עס איז אַ גוט בעוואוסטער פֿאַקט, דאָס אַלע רייזענדע, וועלכע האָבען געקענט בעאָבאַכטען די ווילדע, זיינען דאַריין איינשטימיג, דאָס זייערע רעליגיעזע געפֿיהלען בעשטעהען

נאָר אין אַן אַבערגלויביגע מורא. און דאָס איז נאַטירליך אַזוי, די אונאַנגענעהמע עמפּפֿינדונגען זיינען ניט נאָר פֿיעל אָפֿטער, זאָנדערן אויך אַסך שטאַרקער, ווי די, וועלכע זיינען איהם אַנגענעהם, און זיי מאַכען אַ פֿיעל טיעפֿערען אינערליכען און אויסערליכען איינדרוק, אַלס די לעצטע. אַן אַנגענעהמע עמפּפֿינדונג פֿערטראָגט זיך שטיל און אָהן אויפֿרעגונג; פֿון פֿערשטאַנד פֿערלאַנגט מען דאַצו ניט קיינע פּירושים; דער מאַרך און די מוסקולען קענען רוהיג בלייבען; די אונאַנגענעמע עמפּפֿינדונג דאַגעגען, עראינערט ביד חזקה, דאָס זי עקזיסטירט און זי ערוועקט איהם צום בעוואוסטזיין, ער זאָל אָנהויבען נאָדצודיינקען און נאָכצוזוכען די נייטהיגע מיטלען, וועלכע ער בעדאַרף, אום זיך אָבצואווערען דערפֿון. אָט אַזוי איז עס געקומען, דאָס דער פּרימיטיווער (פֿערצייטיגער) מענש האָט אָנגעפֿאַנגען פֿריהער אויפֿמערקזאַם צו ווערען אויף די צו איהם פֿיינדליכע כוחות פֿון דער נאַטור, איידער — אויף דיעזע, וועלכע זיינען זיינע בעלי טובות. אַז די זון וואַרעמט איהם און די פּרות זעטיגען איהם, דערפֿון מאַכט ער ניט קיין וועזען, דען ער דענקט נאָר דאַן, ווען ער פֿיהלט זיך דאַצו געצוואונגען, אָבער זיך אָנצועסען מיט פּרות און זיך וואַרעמען אויף דער זון, דאָס קען ער דאָך טהאָן אויך ניט דיינקענדיג דערבייא. די אונגליקען און געפֿאַהרען דאַגעגען, זיי ערוועקען זיין שטרעבען און דיינקען און ער שטעלט זיך פֿאָר פֿערשיעדענע דויערענדע בילדער, מיט וועלכע זיין וועלטבעגריעף איז פֿול באַזעצט. ערשט נאָר אויף זעהר אַ הויכע שטופֿע גייסטיגער ענטוויקלונג, האָט דער מענש אָנגעפֿאַנגען קלאָהר צו בעגרייפֿען אויך די אַנגענעהמליכקייטען, וועלכע דאָס לעבען פֿערשאַפֿט איהם ניט נאָר אינסטינקטיוו, זאָנדערן אויך מיט בעוואוסטזיין צו געניסען, פֿון דעסטוועגען פֿאָרשטעלענדיג זיך דעם ווילען פֿון אַ מענשען־עהנליכעם וועזען,

אַלס די אורזאַכע דאַפֿון, און וועלכען זיי ליעבען, דאַנקען און בעוואונדערען. ביז דיעזען העכערען שטאַפּעל פֿון ענטוויקלונג איז פֿיר איהם אויך נאָר דאָס געגוג געווען, דאָס ער האָט זיך געשראָקען און געציטערט פֿאַר דיזען אונזיכטבאַרען און אונבעקאַנטען ווילען, וועלכער קוועלט איהם מיט אַלערליי צרות און מאַכט איהם אַזוי פֿיעל יסורים רעים.

פֿון דיזען געפֿיהל פֿון מורא ענטשטעהען אַלע אורשפּרינגליכע פֿאָרמען פֿון די רעליגיעזע צערעמאָניען. מען פֿערמיידט צו טהון אַזוינע זאַכען, וועלכע קענען אויפֿרייצען דעם אונזיכטבאַרען פֿיינד, און די אויפֿרעגענדע קינדערשע איינבילדונגס־קראַפֿט, דאָס אַרט און וויזע פֿון בעגרייפֿען פֿון׳ם פּרימיטיווען מענשען, ברייגגען איהם דאַצו, ער זאָל זעהען אין פֿילעס, וואָס ער טהוט אַ מעגליכע אורזאַכע, וואַרום זיין מעכטיגער פֿיינד, ווערט אין כעס. דאַן דאַרף מען זעהן מיט אַלע מיטלען איהם איבערצובעטען. מען שטילט זיין האַבזוכט מיט דעם וואָס מען מאַכט איהם מתנות און מען ברייננגט איהם קרבנות. מען חנפֿה׳ט זיין זעלבסט־ליעבע מיט דעם, וואָס מע לויבט און מען דאַנקט איהם פֿיר זיינע גוטע מעשים. מען בוקט זיך פֿאַר איהם, מען זוכט איהם צו ריהרען דורך געבעט, אַמאל פּרופֿט מען איהם אויך סטראַשען. געבעט, קרבנות, שווערען זיינען אַלזאָ די פֿאָלגען פֿון׳ם זעלבען געפֿיהל, פֿון וועלכען דאַרווין אין זיין בוך „איבער דען אויסדרוק פֿון דער געפֿיהלס בעוועגונג ביי די מענשען און חיות” מאַכט ענטשטעהן די פֿאָרמען פֿון בעגריסען זיך; אלזאָ דאָס דרייהען מיט׳ן עק און דאָס אַרומקריכען פֿון׳ם הונט דאָס שנאָרכען פֿון דער קאַטץ, דאָס פֿערנייגען זיך און דאָס אַראָבנעמען די היטעל פֿון ציוויליזירטען מענשען זיינען די סימנים פֿון אונטערוואַרפֿען זיך אונטער אַ שטאַרקערען געגנער.

לאָמיר קורץ צוזאַמען פֿאַסען דיעזע אויספֿיהרונגען. די

קאוויזאַליטעט (די אורזאַכע פֿון די סיבה, איבערז.), וועלכע איז אַן אַרט און ווייזע פֿון'ם מענשליכען דיינקען, ווערט פֿון'ם פרימיטיווען מענשען פֿערשטאַנען, אַלס פּראָסטער בשר ודם און מענשען־עהנליך. ער זוכט אורזאַכען פֿיר אַלע ערשיינונ־גען, וועלכע בעאונרוהיגען איהם. זיין אונפֿעהיגקייט צו דיינ־קען טיעפֿער איבער די אונבעגרייפֿליכקייט פֿון דער סיבה, ערלויבט איהם נאָר צו פֿערשטעהן דורך אַ קאָנקרעטע פֿאָר־שטעלונג, וועלכע איז ביי איהם אימער עהנליך אויף די ביל־דער, וועלכע ער איז געוואוינט געוואָרען צו זעהן. אויף אַזאַ אַן אופן איז ער געקומען צום אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם (דאָס צו־שרייבען גאָט די געשטאַלט און אייגענשאַפֿטען פֿון אַ מענ־שען), דאָס הייסט, איהם דוכט זיך, אַז אַלע כוחות, אַלעס וואָס איז אימשטאַנד צו פֿעראורזאַכען ערשיינונגען, דאַרף זיין אין דעם געשטאַלט פֿון אַ מענשען מיט פֿערשטאַנד, ווילען און אָרגאַנען אום צו קענען אַרויסרופֿען די ערשיינונגען, דען ער קען ניט פֿערשטעהן אַזאַ מין קראַפֿט, וועלכע זאָל קענען אַרויסרופֿען דיעזע סיבות, אַליין ניט זייענדיג קיין אָרגאַנישעס וועזען. די קאָוויזאַליטעט פֿיהרט איהם דאַצו, דאָס ער זאָל מיינען, אַז אַלע ערשיינונגען האָבען איין אורזאַכע; זיין אונ־פֿעהיגקייט צו דיינקען, דאָס די אורזאַכען פֿון די ערשיינונגען זיינען אפשר אונבעגרייפֿליך, פֿיהרט איהם צום אַנטראָפּאָ־מאָרפֿיזם, עס זאָל זיך איהם אויסדאַכטען, דאָס די גאַנצע וועלט איז פֿול מיט אַ פערזענליכען גאָט אָדער מיט פערזענ־ליכע געטער, און די מורא פֿיר די, וועלכע זיינען, דוכט זיך איהם זיינע פֿיינדע, טרייבט איהם צו ברייננען קרבנות און תפילה טהאָן.

דאָס איז איינע פֿון די רעליגיאָנס־וואורצלען ביים פֿער־צייטיגען מענשען, און זי איז נאָך טיעף איינגעוואַקסען אין'ם געפֿיהל פֿון דעם היינטיגען ציוויליזירטען מענשען. אפילו

פערזאָנען, וועלכע זיינען שוין געגוג געבילדעט און זיינען שוין אויף אַזוי פֿיעל געוואוינט צום דענקען, אַז זיי זאָלען שוין ניט מעהר בעטראַכטען די צייט און דעם רוים פֿאַר עפּעס שטאָפֿליכעס, אפילו זיי קענען אויך ניט פֿערשטעהן, דאָס די קאָויזאַליטעט, ניט אַלס בעדינגונג צו די ערשיינונגען, קען אויך אונבעגרייפֿליך זיין פֿיר אונזער אַרט דיינקען, און וואָס דען אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם אַנבעטרעפֿט, זאָ ווערט ער נאָך היינט נאָכאַנאַנד געברויכט; און דיזער פֿאַל איז ניט נאָר ביים קינד אַליין, וועלכען עס געפֿעהלען די מעשה׳לאַך, נאָך וועלכע נאָר דער ווינד רעדט מיט׳ן בוים און די שטערען האָבען חתונה צווישען זיך, זאָנדערן אפילו אינערליך ביי דעם ער־וואַקסענעם מענשען, וועלכער קען זיך כמעט קיין מאָל ניט בעפֿרייען פֿון די געוואָנהייטען פֿון זיינע קינדערשע יאָהרען. איז דאָס ניט מערקווירדיג, דאָס דער מאָדע־פֿילאָזאָף פֿון דער יעצטיגער צייט, זעלטזאַם זיך אומקעהרענדיג צו די פּרימי־טיווע פֿאָרשטעלונגען, בויט זיין סיסטעמע אויף די זעלבע היפּאָטהעזען, וועלכע וואַרען די אָנפֿאַנגס־גרינדע פֿון דער אַמאָליגער וועלט־אַנשויאונג פֿון די גריבער בעוואוינער און פֿון די היינטיגע נעגערס אין אויסטראַליען: אָננעהמענדיג דעם ווילען אַלס אונבעדינגטע קאָנדיציאָן ניט נאָר פֿיר אַ געוויסע טהעטיגקייט, זאָנדערן אפילו נאָר פֿיר די בלויזע עקזיסטענץ פֿון יעדען געגענשטאַנד? שאָפּענהויער 5) מעג האָבען זיין סיסטעמע גוט געריינינגט און דיסטילירט און פֿערציערט מיט פֿערשיעדענע טעכנישע און וויסענשאַפֿטליכע טערמינען, וועלכע גיבען איהר זעהר אַן הערליכע אויסזיכט, זאָ דאָס מען קען זיך ניט שעמען צו ווייזען זיך מיט איהר פֿיר די ציוויליזירטע מענשען, אָבער דאָך, פֿון דעסטוועגען, בלייבט דער קווינט־עסענץ פֿון איהר ניט מעהר ווי אַן ערשטווינליכער פֿאַל פֿון ערניעדערונג פֿון דעם מענשליכען גייסט, וועלכען מען האָט

נאָר ווען עס איז געקענט טרעפֿען אין דער געשיכטע פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע איז דאָך פֿול מיט היסטאָרישע פֿעלע פֿון געגלויבטע אַלטע נאַרישקייטען און לעכערליכקייטען. ווען מיר בעמערקען, דאָס אַזאַ טיעפֿער דיינקער, ווי שאָפּענהויער, וועלכער שטעהט אַן דער שפּיצע פֿון אונזער קולטור, קען בעלעבען אונאָרגאַנישע זאַכען מיט אַ ווילענס־קראַפֿט אַזוי ווי ביים מענשען, אום זיי בעסער צו בעגרייפֿען (חאָטש אפילו אויך ביים מענשען אַליין טרעפֿען זיך ענדערונגען אָהן זיין ווילען, צום ביישפּיעל, אומבייטונג פֿון שטאָף, פֿון געוואוקס א. ז. וו.), ווען מיר זעהען, דאָס דיעזע סיסטעמע בעקומט אויף איהר זייטע זעהר אַ וויכטיגע צאָהל פֿון די מעהרסטע ציוויליזירטע און אינטעליגענטסטע מיטגליעדער פֿון דעד מאָדערנער געזעלשאַפֿט, טאָ ווי זאָלען מיר עס ניט פֿערשטעהן, דאָס דער יעגער פֿון דעם ריעזיגען טהיר, דעם מאַמאָוט, וועלכער פּרופֿענדיג בעגרייפֿען נאָך זיין ביסעלע ערפֿאַהרונג די גאַנצע נאַטור, האָט ער זיך נאָר געקענט פֿאָרשטעלען, דאָס אונטער יעדע ערשיינונג שטעהט אונבעדינגט אַזאַ מין בעשעפֿענים, ווי ער, וואָס פֿעראורזאַכט דיזע ערשיינונג, נאָר אַ שטאַרקערער און שרעקליכערער, מיט אַ גרעסערען שטיין־האַק און מיט אַ גרעסערען אַפּעטיט, און האָט זיך פֿון דיעזער טהעאָריע געשאַפֿען אַ רעליגיאָן?

אָבער די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ ווילען, אַלס די אורזאַכע פֿון די וועלט־ערשיינונגען, דער גלויבען אין אַ פּערזענליכען גאָט אָדער אין פּערזענליכע געטער, איז, אָבער, ניט מעהר, ווי איין טהייל פֿון דער רעליגיאָן, וועלכע בעגניגט זיך ניט מיט איהרע איבערזינליכע פּרושים איבער די נאַטור אַליין זאָנדערן זי וויל אויך בעצייכנען די שטעלונג פֿון׳ם מענשען אין דער נאַטור. צו די רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען געהערט אויך די פֿאָרשטעלונג איבער אַנשמה ביים מענשען און ווי זי

לעבט נאָך דעם טויט. ערשט דער גלויבען אין אַן אונשטערב־ליכקייט פֿערפֿאָלקאָמערט דעם גלויבען אין אַ גאָט און מען מאַכט דערפֿון אַ גאַנצע סיסטעמע, וועלכע איז די גרונדלאַגע פֿון אַ בעשטימטער געזעלשאַפֿטס־אָרדנונג און אַ געוויסע מאָראַל־אַנשואונג, דען עס האָט אַ זיכערע דעפֿיניציאָן פֿון גוט און שלעכט, אַן אונטערשיעד פֿון מצות ביז עבירות, וועלכע איז פֿערבונדען מיט שכר און ענש. די ערשטע דע־פֿיניציאָן, די אונשטערבליכקייט פֿון'ם אינדיווידואום מיט זיינע מענשליכע אייגענשאַפֿטען: די עמפּפֿינדונג און די פֿאָרשטע־לונג, דאָס לאָזט די מענשען בעשטימען געוויסע האַנדלונגען, וועלכע מען טאָר ניט איבערטרעטען. דער גלויבען אין אַ נשמה און אין איהר אונשטערבליכקייט קומט שוין ניט אַרויס אויס די גרינדע פֿון קאָוויזאַליטעט און אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם, זאָנדערן פֿון גאַנץ אַנדערע פּסיכאָלאָגישע קוועלען, וועלכע מיר וועלען אַ ביסעל נאָכפֿאָרשען.

די ספּעציעלע פֿאָרשער האָבען פֿיעלפֿאַך דיסקוטירט די פֿראַגע, אויב דער גלויבען אין דער נשמה און דאָס זי איז אונשטערבליך איז געווען בעפֿאָר דעם גלויבען אין אַ גאָט אָדער ער איז ערשט שפּעטער צוגעקומען, און אויב אַלע רע־ליגיעזע פֿאָרשטעלונגען, איבערהויפּט זאָלען זיך האָבען ענט־וויקעלט פֿון דעם גלויבען אין נשמה, אין שדים און רוחות, וועלכע זיינען ניט מעהר, אַלס שלעכטע גייסטער. דאָס פֿילע אַלטע פֿעלקער און אַסך היינטיגע ווילדע שבטים האַלטען דעם גלוי־בען אין דער אונשטערבליכקייט פֿון דער נשמה פֿאַר פֿיעל מעכטיגער, אַלס דעם גלויבען, דאָס עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, —דאָס צייגט אונז די פֿערעהרונג פֿון טויטע ביי די אַלטע עגיפּטער, דער כבוד, וואָס די רוימער האָבען אָבגעגעבען זייערע אבות אַלס געטער, דאָס בלוט־טרינקען פֿון די גע־הרג'עטע פֿיינדע ביי די אַלטע קעלטען און גערמאַנער און

די מענשען־פֿרעסעריי ביי מאַנכע שטאַמען אין מיטעל־אַפֿריקאַ און אויף די אינזלען פֿון'ם זיעד־מעער, און דאָס קומט ניט דערפֿון, — ווי איינינע אויבערפֿלעכליכע בעאָבאַכטער האָבען אָנגעגעבען — ווייל זיי קענען זיך ניט באַגעהן אָהן פֿלייש, זאָנדערן אוים דער אַבערגלויבישער האָפֿנונג, דאָס די מעלות פֿון די געטויטעטע פֿיינדע קען איבערגעהן צו דעם, וועלכער טרינקט אָדער עסט אַ טהייל פֿון זיין גוף. אין אַלעמען איז די פֿראַגע, אויב דער גלויבען אין גאָט אָדער אין דער נשמה איז געווען פֿריהער, ניט קיין זעהר וויכטיגע. איינס איז זיכער, דאָס דער מענש האָט זעהר פֿריה געהאַט די צוויי פֿאָרשטעלונגען: ערשטענס, דאָס אין איהם איז פֿאַראַן עפּעס אַ פֿערשיעדענע זאַך פֿון דעם גוף, וועלכע האַלט איהם אויף ביים לעבען, און, צווייטענס, דאָס דיזעס עטוואָס לעבט איבער דעם טויט, די פֿערניכטונג פֿון דער אויסערליכער געשטאַלט. צו די ערשטע פֿאָרשטעלונג האָט געמוזט פֿיהרען די ניט ריכטיגע בעטראַכטונג און די אונפֿערשטענדליכקייט פֿון די נאַטור־געזעצע: מען פֿיהלט אין'ם לעבעדיגען מענשען געוויסע געהיימניספֿאָלע בעוועגונגען, ווי למשל, דאָס האַרץ־קלאַפּען, די בעוועגונג פֿון די פולס־אָדערען. ביים טויטען מענשען איז אַלץ שטיל און אונבעוועגליך. די ראָלע, וועלכע דאָס האַרץ שפּיעלט נאָך היינט, אַלס אויפֿענטהאַלטס־אָרט פֿון די געפֿיהלען, אין אונזער אַרט פֿון ריידען, איז נאָך אַן איבערגעבליבענער סימן, ווי אַזוי די מענשען האָבען זיך צוערשט פֿאָרגעשטעלט די אויפֿפֿאַלענדע בעוועגונגען פֿון דאָס האַרץ. ניכטס איז לייכטער פֿאַר'ן פּראָסטען שכל צו פֿערשטעהן, אַלס צוזאַמען צו ברייננגען צוויי ערשיינונגען, וועלכע פֿאָלגען איינע נאָך דער אַנדערער, אַלס די אורזאַכע און די פֿאָלגע. ווי באַלד אַז אין טויטען ריהרט זיך גאָר ניט, דאַן מוז זיין דאָס, וואָס ביים לעבענדיגען ריהרט עס זיך יאָ און

בעוועגט זיך, וואָס פֿערראורזאַכט דאָס לעבען. ווען מען לעבט, זאָ איז עס פֿאַראַן; ווען מען שטאַרבט, דאַן געהט עס אַוועק און פֿערלאָזט דעם קערפּער. וואָס איז עס, אָבער, אַזוינס? דאַרויף אַנטוואָרטעט די איינבילדונגס־קראַפֿט פֿון דעם פּרי־מיטיווען מענשען פֿערשידענאַרטיג. דאַרין זיינען כמעט אַלע פֿעלקער איינִיג, דאָס דער לעבענס־פּרינציפּ, די נשמה, האָט די געשטאַלט פֿון אַ טהיער. ביי איינִיגע איז די נשמה אַ טויב, ביי אַנדערע—אַ שמעטער־לינג. אַנדערע, וועלכע זיינען מעהר פֿעהיג צום דיינקען איבערזיניג, בעטראַכטען די נשמה אַלס צוק־ווינד, אַלס אַ שאָטען (כרוח נושבת, כצל עובר). די אונערקלערליכע ערשיינונגען אין חלום און אין שלאָף פּרופֿט דער פּרימיטיווער מענש ערקלעהרען, אַזוי ווי ער פֿערשטעהט עס. די נשמה, דיזער שטאָפֿליכער און אָרגאַנישער בעוואוינער אין'ם גוף, דיזער מין פּאַראַזיט פֿון'ם לעבעדיגען אָרגאַניזם, געפֿינט אָפֿטמאָל פֿיר נויטיג צו פֿערלאָזען זיין שטייגעל. דאַן פֿערבלייבט דער גוף אין אַזאַ צושטאַנד, וועלכער איז עהנליך צו דעם צושטאַנד, וועלכער פֿאָלגט, ווען די נשמה פֿערלאָזט איהם אויף אייביג; ער ווייסט ניכטס און פֿיהלט גאָר נישט, ער בעוועגט זיך ניט: ער שלאָפֿט. די נשמה איז ערגעץ וואו אַוועק; זי האָט פֿיעל ערפֿאַהרען און פֿיעל מיטגע־מאַכט; עס בלייבט דערפֿון אַ שוואַכע ערָאינערונג, ווען זי קעהרט צוריק אין איהר געוועהנליכען אויפֿענטהאַלטס־אָרט: דאָס זיינען די חלומות. דער בעקאַנטער שרייבער י ע ק ב ג ר י מ ם פֿערצייכענט אַ פֿאַבעל, וועלכע דערציילט פֿון אַ גע־ויסען קעניג ג ו נ ט ר אַ ם, וועלכער איז אַמאָל איינגעשלאָפֿען זייענדיג אויף'ן יאַגד, און דעד קנעכט וועלכער האָט איהם בעגלייטעט האָט נעזעהען ווי אַ חיה'לע, וועלכע איז עהנליך צו אַ שלאַנג איז אַרויסגעקראָכען פֿון זיין מויל און איז שנעל אַוועק צום טייכעל, איבער וועלכען זי האָט ניט געקענט

אַריבער. דער דיענער, דאָס בעמערקענדיג, האָט אַרויסגעצויגען זיין שווערד פֿון'ם שייד און האָט זי אַרויפֿגעלייגט אויף'ן טייבעל. דאָס קליינע היה'לע איז אַריבער איבער דעם טייבעל אויף'ן שווערד, נאָך עטליכע שעה צוריקגעקומען און ווידער אַריין אין דעם קעניגס מויל. דער קעניג האָט זיך גלייך ווידער אויפֿגעכאַפּט און האָט זיין בעגלייטער דערצעהלט, דאָס ער האָט אין חלום געזעהן אַ גרויסען טייך, אויף וועלכען עס איז געווען געבויט אַן אייזערנער בריק, וועלכען ער איז אַריבערגעגאַנגען א. ז. וו. אין אַן אַנדער פֿאַבעל, ווידער ביי גרימם, ווערט דערציילט פֿון אַ מיידעל, דאָס פֿון איהר מויל איז אַרויסגעקראָכען אַ רויטע מייזעל; דאַן האָט איהר אימיצער איבערגעקעהרט, און די מייזעל האָט דערפֿאַר, אַז זי איז צוריקגעקומען, שוין ניט געקענט געפֿינען איהר מויל און די מיידעל איז שוין מעהר ניט אויפֿגעשטאַנען. אָבער וואו איז דיעזער געהיימניספֿאָלער בעוואוינער פֿון'ם מענשליכען גוף, וועלכער ערקלעהרט אַזוי פֿערשטענדליך די רעטענישען פֿון לעבען און טויט, פֿון שלאָף און חלומות, געוועזען פֿאַר'ן געבאָרען פֿון זיין בעל־אכסניה, און וואו טהוט ער זיך נאָכדעם אַהין, אַז עס קומט שוין זיין סוף? ער האָט געוואוינט אין אַנדערע גופים פֿריהער און ציהט זיך נאָכדעם אַריין אין אַן אַנדער גוף; דאָס איז דער גלויבען, אַז די נשמה ווערט מגולגל. אַן אַנדער טהעאָריע ווידער האָט בעהויפּטעט, דאָס זי ווערט געבאָרען מיט'ן גוף און בלייבט אויך לעבען איהם נאָך זיין טויט; דאָס איז די אַלט־עגיפּטישע פֿאָרשטעלונג, וועלכע האָט געפֿיהרט דאַצו, דאָס מען זאָל זיך זעהר בעזאָרגען פֿיר די ערהאַלטונג פֿון די טויטע קערפּערס. דאָס די נשמה שטאַרבט צו אין איינעם מיט'ן גוף, דיעזע טהעאָריע נעהמט קיין פּרימיטיווער מענש אין ערגעץ ניט אָן, און דאָס איז גאַנץ פֿערשטענדליך; דאָס עס איז גאָר ניט דאָ, דאָס איז

אַ פֿאָרשטעלונג, וועלכע איז פֿרעמד פֿיר'ן מענשליכען דענ־קען און צוואַר געגען איהם, דען זי איז יאָ אונמעגליך פֿאָל־שטענדיג צו בעגרייפֿען. מע קען ניט פֿערלאַנגען פֿון אַ מאַ־שין, אַז זי זאָל אַרויסגעבען מעהר קראַפֿט אַלס איהר אינער־ליכער מעכאַניזם ערלויבט עס איהר. אום צו פֿערשטעהן די השערה פֿון דער ניט־עקזיסטענץ, דאַרף מען זיך אָנטהון אַ כוח, וועלכער איז פֿיעל גרעסער, אַלס די מאַכט פֿון אונזער דיינקונגס־מאַשין. דאָס, וואָס דענקט אין מענשען, דאָס איז זיין עגאָ, זיין איך; דאָס איז די בעדינגונג פֿיר אונזער אַרט דיינקען; אָהן דעם איך גיבט עס ניט קיין געדאַנקען, קיין פֿאָרשטעלונג, אפילו קיין עמפּפֿינדונג. די השערה פֿון דער ניט־עקזיסטענץ ווערט אויך בעגריפֿען פֿון זיין עגאָ, אָבער, ווערענד „דאָס איך" בעמיהט זיך צו פֿערשטעהען די ניט־עקזיסטענץ, פֿערהינדערט איהם אויך צור זעלבער צייט צו פֿערשטעהן דיווירקליכע, דייטליכע פֿאָרשטעלונג פֿון דער ניט עקזיסטענץ. אום זיך פֿון דער ניט־עקזיסטענץ אַ ריכטיגען איבערצייגטען בעגריף צו מאַכען, וואָלט דאָס איך געמוזט אויפֿהערען אַ רגע זיך צו פֿיהלען, אַלס עקזיסטירענד, דאָס הייסט, עס וואָלט געדאַרפֿט זיין אונבעוואוסט, עס וואָלט ניט געדאַרפֿט דיינקען. אַזוי לאַנג ווי ער דענקט, ווייס זיין איך, דאָס ער עקזיסטירט און ער קען די ניט־עקזיסטענץ ערענסט ניט בעגרייפֿען; ווען אָבער דער מענש, אין געגענטהייל, הערט אויף צו פֿיהלען זיין איך, דאַן דענקט ער ניט, אפילו ניט וועגען די ניט־עקזיסטענץ. דורך דעם דענקען איבער'ן מענשליכען פֿערשטאַנד, איז די אינדישע פֿילאָזאָפֿיע געקומען צו דער פֿאָרשטעלונג, פֿון דאָס אַבסאָלוטע ניכטס, פֿון דער אַבסאָלוטער ניט־עקזיסטענץ פֿון שטאָף און באַוועגונג. פֿאַר'ן מענשליכען גייסט איז בעגרייפֿליך דער געדאַנק פֿון דאָס אַבסאָ־לוטע ניכטס, דאָס אויפֿהערן פֿון דער וועלט, דאָס אויפֿהערן פֿון'ם

איך. אָבער ער קען ניט פֿערשטעהן, דאָס זיין איך זאָל קענען אויפֿהערען וועהרענד די גאַנצע וועלט זאָל קענען ווייטער עקזיסטירען. ווי ווילט איהר, דאָס די זאַכען, וועלכע זיינען נאָר דערפֿאַר דאָ, ווייל אונזער בעגריף פֿאַרנעהמט זיי און וועלכע מיר וואָלטען אונז גאָר ניט געקענט פֿאָרשטעלען, ווען אונזער בעגריף וואָלט זיי ניט געווען פֿאַרנעהמען; ווי ווילט איהר, אַז זיי זאָלען נאָך פֿאָרט דויערען, ווען דער בעגריף, דאָס איך, וועלכע גיבען איהר ערשט איהר עקזיסטענץ, — דאָס דיזעס איך זאָל אויפֿהערען? דאָס איז אונמעגליך צו דענקען, דאָס צוגלייך מיט'ן איך פֿערשווינדעט אויך די גאַנצע וועלט־ערשיינונג, דאָס דאַן טרעט איין די לעהרע פֿון דאָס אַבסאָ־לוטע ניכטס, דאָס איז אַ גאַנץ און, אין אַ געוויסען הינזיכט, אפילו אַן עגאָאיסטיש — צוגעטראָפֿענע פֿאָרשטעלונג. דאָס אָבער דער עגאָ, זאָל אויפֿהערען און די גאַנצע וועלט זאָל אונפֿערענדערט ווייטער בלייבען, דאָס איז איין געדאַנק, וועלכער קען זיך ניט אַריינפּאַסען אין דער ראַמקע פֿון אונ־זער, אויף דעם איך בערוהענדען פֿערשטאַנד. מיר קענען זיך טרינקען אין אַ ים פֿון פֿראַזען אָהן אַ ברעג און פוסטע ווערטער, מיר קענען זיך שפּיעלען מיט פֿילאָזאָפֿישע פֿאָר־מולען און דעפֿיניציאָנען, און זיך איינרעדען מיט אַ קינדישער נאַאיוויטעט, מיט אַ שטאָלצען זעלבסט־בעטרוג, דאָס די פֿון אונז פֿערפֿערטיגטע שפּיעלצייג איז עטוואָס דענקליכעס, עט־וואָס ווירקענדעס אָדער עטוואָס אָנצוזעהען. אין אמת'ן, אָבער האָבען מיר פֿון די ניט־עקזיסטענץ ניט קיין גרעסערע פֿאָר־שטעלונג, אַלס פֿון די איביגקייט, וועלכע מיר קענען אפילו בעגרייפֿען מיט פֿאָרמולען, אָבער ניט מיט אונזער שכל. עס איז שוין אַ גרויסער נצחון פֿאַר'ן מענשליכען שכל, דאָס איייניגע פֿאָרטגעשריטענע גייסטער זיינען געקומען אפילו צו אַ דונקעלען, ניט רעכט פֿערשטענדליכען בעגריף פֿון דיזע צוויי־

פֿאָרשטעלונגען פֿון דעם ניט־עקזיסטענץ און פֿון די אייביגקייט. ווען עס וואָלט מעגליך געווען, אונהאַבהענגיג פֿון אונזער איך, נאָכצוגעהן דעם געדאַנקען־טריעב, וואָלט מען עס געקענט רופֿען אַן אַרויסטרעטונג פֿון׳ם מענשען פֿון זיך אַליין, אַ מין אויפֿהויבונג זיך פֿון מענשען העכער איבער זיך. ווי האָט דער פּרימיטיווער מענש געוואָלט קענען מאַכען אַזאַ, כמעט איבערמענשליכע, שכל׳דיגע אַרבייט? ער האָט ערשט דאַצו געמוזט פֿאָרבערייטעט ווערען דורך אַ פֿיעלע טויזענד־יעהריגע, האַרטע גייסטעס דיסציפּלין. די אונשטערבליכקייט, די אימער־פֿאָרטוועהרענדע עקזיסטענץ פֿון׳ם איך, איז אַנערקענט געווען אַלס די אונבעדינגטע נויטווענדיגקייט ביי דעם פֿערצייטיגען מענשען, וועלכער איז געשטאַנען אויף די ערשטע שטופֿען פֿון ענטוויקלונג. און דיזער בעגריף איז געלייטערט געוואָרען פֿון זיין אַמאָליגען פּראָסטען אויסזעהן, ד. ה.—פֿון דעם גלויבען אין תחית־המתים פֿון דעם גוף און דאָס די טויטע לעבען אימער פֿאָרטוועהרענד ביז זיין שעהנערן געשטאַלט, דאָס גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פֿון די קערפּערליכע און גייסטיגע אייגענשאַפֿטען פֿון׳ם אינדיווידאום.

דאָס איז עס, וואָס איך האָב געמיינט, ווען איך האָב אויבען געזאָגט, דאָס די רעליגיאָן איז אַן אָרגאַנישע קראַנקהייט, וועלכע איז פֿעראורזאַכט געוואָרען דורך די אונפֿאָלקאָמענע פֿונקציאָן פֿון אונזערע אָרגאַנען צום דיינקען, און דאָס זי איז איינע פֿון די פֿאָרמען, וועלכע בעוויזען, אויף ווי ווייט מיר זיינען בעשריינקט. דורך די ווירקונג פֿון די קאָווזאַליטעט און די אונפֿעהיגקייט, וועלכע דער אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם פֿעראורזאַכט, זיך ניט צו קענען פֿאָרשטעלען די נאַטירליכע כוחות אַנדערש, ווי די צוגעוואוינטע, אָרגאַנישע פֿאָרמען, איז דער מענש געקומען צום בעגריף פֿון גאָט; דורך

דאָס ניט גענויע בעאָבאַכטונג די ערשײנונגען פֿון'ם לעבען און פֿון טויט, פֿון'ם שלאָף און פֿון חלום, איז ער געקומען צו דער פֿאָרשטעלונג פֿון אַ נשמה, און דורך דאָס ניט־קענען פֿון'ם איך זיך בעשטימען אַלס ניט זײענד—צום גלויבען און די אינדיווידועלע אונשטערבליכקײט אין אַבי װעלכער פֿאָרם. די טהעאָריע פֿון'ם פֿאָרטלעבען איז נישט אַנדערעס, אַלס אַ ערשײנונגס־פֿאָרם פֿון'ם זעלבסט־ערהאַלטונגס פֿערשטאַנד, פונקט אַזוי װי דער זעלבסט־ערהאַלטונגס פֿערלאַנג אַלײן איז ניט אַנדערעס, אַלס די פֿאָרם, אונטער װעלכער די לעבענס־קראַפֿט, װאָס האַלט זיך אויף אין אַלע צעלען פֿון אונזער אָרגאַניזם, װערט אונז בעװאוסט. די ענערגיע צום לעבען איז איבעראײן מיט'ן װעלען לעבען. װער עס האָט געזעהען אַ סך מענשען שטאַרבען, דער װײס, װי לײכט עס עמפּפֿאַנגט זײן טויט דער אינדיװידואום, װעלכער פֿיהלט שוין זײן ענערגיע צום לעבען אָבגעשװאַכט דורך צרות און דחקות, דורך עלטער און קראַנקהײט, און װי פֿורכטבאַר שװער, אין געגענטהײל, איז עס אויפֿצונעהמען דעם טויט, װען ער טרעפֿט דורך אַ צופֿאַל אונז אין מיטען פֿון אַ פֿערגניגטען, האָפֿנונגס־פֿולען און גליק־פֿערשפּרעכענדען לעבען. דער זעלבסט־מאָרד דוכט זיך נאָר אויס אַ װידערשפּרוך געגען מײנע בעהויפּטונגען; װאַהרשײנליך איז דאָ אויך פֿאַראַן אַ זעהר שטאַרקער פֿער־לאַנג, װעלכער איז פֿון אַ גרעסערער װיכטיגקײט, אַלס דער פֿערלאַנג צום לעבען. דער זעלבסט־מאָרד איז, אין אמת'ען, ניט מעהר (פֿאַלס עס איז אַן אויגענבליקליכע פֿערדונקעלונג פֿון אונזער בעװאוסטזײן), אַלס אַ נוצלאָזע אַרט פֿערטהײדי־גען פֿון'ם לעבען געגען די געפֿאַהרען, װעלכע ער האָט צו ערװאַרטען; מען מאַכט זיך דעם טויט, װען מע האָט קער־פּערליכע אָדער גײסטיגע צרות, אַלזאָ, װען מען האָט מורא פֿאַר די הינדערניסע צום לעבען; מען װאָלט דאָס ניט גע־

טהון, ווען מען וואָלט ניט אַבהענגיג געווען אָן דאָס לעבען, דען זאָנסט וואָלט דאָך קיין אורזאַכע ניט געווען מורא צו האָבען פיר די סיבות, וועלכע, קענען, אין שלימסטען פאַל נאָר צושטערען דאָס לעבען. יעדער זעלבסט-מאָרד האָט עפּעס אין זיך, וואָס איז עהנליך צו דער אורזאַכע פון יענעם סאָלדאַט, וועלכער האָט זיך ערשאָסען פאַר'ן געהן אין מלחמה, ניט ווייל זיין לעבען איז איהם איבערדריסיג געוואָרען אָדער ווייל ער איז גלייכגילטיג צום טויט, זאָנדערן, אים געגענטהייל, ער ווערט צום זעלבסט-מערדער, ווייל ער האָט זעהר אַן אונגעהייערען, אונבעוואוסטען פערלאַנג צום לעבען, און ווילען פערמיידען די אונאַנגענעהמליכקייטען פון דער מלחמה פאַר'ן לעבען. מיר האָבען אַלזאָ בעוויזען, ווי ריכטיג אונזער בעהויפטונג איז, דאָס די ענערגיע און דער פערלאַנג צום לעבען זיינען אין אַנקלאַנג, און דיזער פערלאַנג צום לעבען אַנגענעהם, שרעקט זיך אפילו ניט פאַר די ערשיינונג פון'ם טויט. דער אָרגאַניזם, וועלכער פיהלט אין אַלע זיינע גלידער שטרוימען די לוסט צום לעבען, איז אונפעהיג צו דענקען, דאָס דיזע אַנגענעהמע און פרוכטבאַרע בעוועגונג זאָל אויפהערען. מיר קענען זיך פאָרשטעלען דעם טויט פון אַן אַנדערן, אַלס אַ וואַהרשיינליכע און מעגליכע ערשיינונג, אָבער מיר האַלטען אונזער אייגענע עקזיסטענץ פאַר אַ דויערענדע און מיר זעהען אונזער ענדע ניט פאָראויס. נאָר ביי די העכסטע גייסטעס-ענטוויקלונג, אָנווענדענדיג אַ מאַסע אַבסטראַקציאָנען און פערגלייכונגען און בענוצענדיג זיך מיט זיי, אַלס לייטער-טרעפּ, האָבען מיר געקענט עררייכען דיזען שטאַנדפונקט, פון וועלכען אונזער גייסטיגער און פיזישער א י ך קען אונטערזוכען די טהאַטזאַכע, דאָס די דורות, וועלכע פאָלגען איינע נאָך די אַנדערע, זיינען ניט מעהר די פאָרטזעצונג און ענטוויקלונג פון די פאָריגע, און מיר דאַרפען זיך טרייסטען

פאַר די שטערבליכקייט פון'ם אינדיווידואום מיט דער אונ־שטערבליכקייט פון פאָרטשריט פון דער גאַנצער מענשליכער ראַסע.

ביי דעם היינטיגען ציוויליזירטען מענשען ווירקען אויך נאָך (אָפטמאָל כמעט אין זייער פרימיטיווער פאָרם, אָפטמאָל מיט זייער איינפלוס ביי אונבעוואוסטע זאַכען) די אורזאַכען, וועלכע האָבען ביי דעם פערצייטיגען מענשען ערוועקט איבערנאַטירליכע פאָרשטעלונגען. צום אַנטראָפאָמאָרפיזם זיינען נאָך אימער גענייגט די מענשען, וועלכע האָבען ניט די לוסט גוט צו איבערוואַכען און נאָכצופאָרשען זייערע פאָרשטעלונגען, און ווייל עס איז דאָך אַזוי בעקוועם צו מאָהלען איבערזינליכע בילדער מיט געוועהנליכע פאַרבען, זאָ קען זיך יעדער פון אונז זעהר לייכט עראינערן, ווי ער שרייבט צו העכערע גייס־טיגע איינגעשאַפטען צו פערשיעדענע טהיערע און פפלאַנצען. און די אונפעהיגקייט זיך פאָרצושטעלען אונזער איך, אַלס ניט־עקזיסטירענד, איז נאָך היינט צו טאָג עבען אַזוי גרויס, ווי צו יעדער צייט. ביי אונבעוואוסטע זאַכען ווירקט נאָך די קראַפט פון דעם אַבערגלויבען, וועלכען מיר האָבען בעקומען בירושה. דער פראַנצויזישער פילאָזאָף ריבאָ בעמערקט, דאָס די ירושה איז פיר אַ ראַסע דאָס זעלבע, וואָס דער זכרון פיר'ן אינדיווידואום, ד. ה. די ירושה איז דער זכרון פון גע־בורט. אין יעדען איינצעלנעם מענשען, אַלזאָ, לעבען נאָך די פאָרשטעלונגען פון זייערע עלטערן און אַ מעהרפאַך אונבע־וואוסטער, דונקעלער פאָרם. אָבער מען בעדאַרף אַן אויסער־ליכען אַנשטוים, דאָס זיי זאָלען אָנהייבען צו בליצען און צו בעשיינען דאָס גאַנצע אינערליכע זעעלען־לעבען. די ירושה ליעגט אין וועג, וועלכען מיר קענען ניט אויסמיידען. אַזוי ווי מיר זיינען ניט אימשטאַנדע צו בעשטימען דאָס אויסזעהען פון אונזער פנים און פון אונזער לייב, עבען אַזוי זיינען מיר

ניט אימשטאַנדע אומצוענדערען אונזער מאַשין צום דיינקען, וועלכער איז אונז איבערגעבען געוואָרען בירושה פֿון די נאָר וואָס אָבגעשטאָרבענע דורות. דאַמיט ווערט ערקלעהרט דיזע רייהע פֿון אַבערגלויבען, וועלכע ווערט עפֿטער אין גאַנצען ניט קאָנטראָלירט, ניט פֿון אונזער שכל, ניט פֿון אונזער ווי־לען, און וועלכע מיר בעמערקען מיט אַזאַ בעוואונדערונג ביי זיך און ביי אַנדערע ציוויליזירטע מענשען; אויך ערקלעהרט עס די רעליגיעזע סענטימענטאַליטעט, אונטער וועלכע זיינען מייסטענס אונטערוואָרפֿען די פּאָעטישע בעגאַבטע גייסטער —וויל זיי לאָזען זיך מעהר בעהערשען פֿון די גע'ירש'ענטע מידות און געפֿיהלען. דיזער קוואַל פֿון גע'ירש'ענטע אַבער־גלויבישע אידעען, קענען מיט דער צייט אומגעענדערט און פֿערשוואונדען ווערען, אויב די צוקונפֿטיגע דורות וועלען דאַצו שטרעבען; און ערשט אין טויזענרער יאָהרען אַרום וועט דער מענש פֿון געבורט אוים זיין פֿעהיג צו בעטראַכטען נאַ־טורוויסענשאַפֿטליך, אָהן פֿאָראורטהיילע און אָהן אַבערגלויבען די ערשיינונגען פֿון'ם לעבען און פֿון דער וועלט, וויל הונ־דערטע דורות האָבען אונז פֿון געבורט אָן איינגעוואוינט צו דיינקען, אַז אַזאַ מין ווישענשאַפֿטליכע בעהויפּטונג איז אַבער־גלויביש און ניט ריכטיג, וויל ניט הונדערט, זאָנדערן אפשר הונדערט טויזענד פֿון דורות האָבען די געוואוינהייט געהאַט פֿאַלש צו דיינקען.

צו די גרינדע, וואָרום דער איבערזינליכער געדאנק איז ענטשטאַנדען און, איז נאָך היינט ניט אויסגעראָטה פֿון'ם מענשליכען שכל, קען מען נאָך צורעכענען עטליכע אַנדערע וועלכע וואָלטען פֿילייכט, אָן־און פֿיר זיך, אונפֿעהיג געוועזען צו ערהאַלטען די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ גאָט און אַ נשמה מיט איהר אונשטערבליכקייט, וועלכע טראָגען, אָבער, פֿאָרט ביי, דאָס דיזע פֿאָרשטעלונגען, ווי באַלד, אַז זיי זיינען שוין אַפֿראַן

זאָלען נאָך פֿאַרלענגערן זייער עקזיסטענץ. ווער עס פֿאַרמאָגט נאָך איינע פֿון דיזע נעבען־גרינדע פֿאַר וואָס די רעליגיאָן בעשטעהט נאָך עד היום, חאָטש די יעצטיגע אויפֿגעקלעהרטע צייט בעווייזט, ווי דום און לעבערליך עס איז,— דער פֿערלאָזט זיך זעלטען אויף זיך אַליין, ער ענטזאַגט זיך ניט פֿון שטאַרקערע קאָמפּאַניאָנען און פֿערשטעהט ניט דעם געדאַנק, ווי זיך אַליין צו פֿערטהיידיגען, זיך נאָר צו דאַרפֿען פֿערלאָזען אויף זיינע אייגענע כוחות, ניט צו דארפֿען רעכענען אויף קיין בעשיצער אָדער אונזיכטבאַרען העלפֿער. די מענשליכע ראַסע בריינגט זעלטען אַרויס אַן אינדיווידואום, וועלכער, פֿיהלענדיג זיין קראַפֿט און זייענדיג זעלבסט־בעוואוסט, זאָל בעטראַכטען דאָס לעבען אַלס אַ קאַמפּף, וואו יעדער איינצעלנער מוז אַ טהייל נעהמען, און ביי וועלכען ער אַליין מוז זיך בענוצען מיט זיין שווערד און פּאַנצער, און זעהען צו זיין דער זיעגער, אָדער, וויניגסטענס, אַ לעבעדיגער אַרויסקומען, אָהנע דאָס ער זאָל דאַביי האָבען די מיטהילפֿע פֿון אַנדערע. דיזע מענשען, וועלכע מאַכען אַן אויסנאַהמע און וועלכע זיינען די מעהר פֿערפֿיינערטע טיפען פֿון אונזער מין, ווערען פּאַרטיי־פֿיהרער, טיראַנען, און פֿאָלקס־פּאַסטוכער. זיי ווערט איבערדריסיג די נעוועהנליכע וועגען, וואו זיי פּאַשען זייער סטאַדע און זיי לאָזען זיך שאַפֿען נייע וועגען. זיי שטעלען זיך ניט גערולדיג צופֿריעדען מיט זייער מזל, וועלכען די אומשטענדען פֿאָרבערייטען זיי, זאָנדערן זיי זוכען זיך איבער געוואַלט צו שאַפֿען פּריווילעגיען, אפילו ווען דיזע האַבזוכט זאָל זיי צו גרונדע פֿיהרען. אָבער די גאַנצע סטאַדע מענשען האָט ניט דיזע אונהאַבהענגיגקייט. דער דורכשניטליכער מענש וויל זיך ניט אַנערקענען אַלס איינציגער אין׳ם קאַמפּף פֿיר׳ן דאַזיין, זאָנדערן זיי קלייבען זיך צונויף אין אַ רייהע פֿון געלערנטע מערדער. זיי ווילען שפירען

דאָס זיי האָבען שווערד־גענאָסען לינקס און רעכטס לעבען זיך און אונטער זייער רוקען. זיי ווילען דוקא הערען די באַפעהלע פון די קאָמאַנדירען, און דאָס זייערע האַנדלונגען ווערען בע־שטימט ביי אַ העכערע פעראַנטוואָרטליכקייט. דיזע מענשען האַלטען זיך נאָך ביים גלויבען אַלס אַ געוועהר און אַ טרייסט. וואָס פאַר אַ טרייסט, וואָס פאַר אַ בערוהיגונג דאָס איז, אַז מען קען זיך איינבילדען, דאָס אין מיטען פון'ם געפעהרליכס־טען לעבענס־קאַמפף, ווערט מען עקסטראַ בעשיצט און בע־שירמט פון אַן אַלמעכטיגען גאָט אָדער פון אַ מלאך־המושיע! אויף אַזאַ אַן אופן, האָט מען געקענט אַלס איינפאַכער שניי־דער אָדער אַלס געוועהנליכער טאָג אַרבייטער האָבען די זעלבע פריווילעגיען ווי אַ כ י ל ע ס (אַ גריכישער העלד) אין'ם טומעל פון די מלחמה מיט ט ר אָ י אַ, ווען עס האָט בע־שיצט דער אונזיכטבאַרער פאַנצער פון די פ אַ ל אַ ס אַ ט ה ע נ ע (די אַטהענישע געטין פון מלחמה), און ווי העלדיש פיהלט מען זיך עס דאַן, אַז מען קען זיך בעשיצען מיט די מעכ־טיגסטע וואַפען—די תפילות! מען ווערט זעלטען פערצוויי־פעלט, און מען איז איבערצייגט, אַז מען קען זיך מיט אַ וואָרט, מיט אַן אויפרוף פערהינדערן די שווערסטע אונאַנגע־נעהמליכקייטען, די גרעסטע צרות און פיין. איך נעהם דעם ערגסטען פאַל. אַ מענש, וועלכער פליהט אין אַ הויך פון טויזענד פוס, פאַלט, אונגליקליכער ווייזע, אַראָפ פון זיין לופט באַלאָן; איז ער אַ פריידענקער, דאַן ווייסט ער, דאָס ער איז אונבעדינגט פערלאָרען, און עס גיעבט ניט קיין מאַכט אין דער וועלט, וועלכע זאָל קענען פערהינדערן, אַז זיין קערפער זאָל ניט ליעגען פינף מינוטען שפעטער צו'הרג'עט און צו־בלוטיגט אויף דער ערד. איז ער אָבער אַ גלויביגער, דאַן האָט ער, וועהרענד די גאַנצע צייט פון זיין פאַלען, כל זמן ער האָט ניט פערלאָרען זיין בעוואוסטזיין, די האָפענונג, דאָס אַ

געוויסע איבערנאַטירליכע קראַפֿט, וועלכע ער וועט מאַכען דורך תפילה און טרייסטלאָזער האָפֿענונג, דאָס צוליעב איהם וועלען אויך איין אויגענבליק אויפֿהערען די געזעצע פֿון דער נאַטור, כדי ער זאָל זיך קענען לאַנגזאַם און אונבעשעדיגט אַראָבלאָזען אויף דער ערד. אַזוי לאַנג, ווי ער האָט נאָך זיין בעוואוסטזיין ניט פֿערלאָרען, ווערט ער נאָך בעהערשט פֿון זעלבסט-ערהאַלטונגס-טריעב, און ער האַלט זיך ביי זיין עקשנות פֿעסט, זיך ווידערצושטעלען געגען דיעזע אָבגרונדס-לאָזער טיפֿענים דערמיט, וואָס ער אַפּעלירט צו אַ פֿאַבעל-האַפֿטע איינבילדונג פֿון אַ וועזען, וועלכעס איז אימשטאַנד איהם צו העלפֿען פֿון דעם טויט, וואָס שטעהט איהם פֿאַר די אויגען. דער מענשליכער גייסט האָט ניט קיין גרעסערען אוצר, אַלס די אילוזיאָן. און וואָס פֿאַר אַ גרויסאַרטיגערע און בעסערע אילוזיאָן קען עס דען געבען, אַלס דאָס, וואָס מען נאַרט זיך אַליין אָב דורך'ן גלויבען און דורך תפילה טהון? דאַרום וועלען נאָך די מעהרסטע טהייל מענשען אימער ליידען אויף די, פֿון קינדווייז אָן גע'ירש'ענטע קראַנקהייט — זיך פֿאָרצושטעלען דאָס גלויבען מיט אַ קינדערשען אַבערגלויבען, אַזוי לאַנג ביז זיי וועלען ניט זיין גענוג דורכדרונגען מיט דער נאַטור-וויסענשאַפֿטליכער וועלט-אַנשויאונג, אום צו בעטראַכטען דעם טויט פֿון אַן אינדיווידאום, און מעג עס אפילו זיין ער אַליין, אַלס אַ פֿאַל, וועלכער האָט די קלענסטע בעדייטונג פֿיר אונזער מין און פֿיר די גאַנצע וועלט, און אַזוי לאַנג ביז די מענשליכע סאָלידאַריטעט וועט ניט זיין פֿעסט אָרגאַניזירט פֿיר אַלעמען, דאָס אין אַ געדריקטע צייט זאָל יעדער אינדיווידאום אינסטינקטיוו פֿערלאַנגען זיכערע הילפֿע, ניט פֿון אונבעגרייפֿליכע העכערע וועזענס, זאָנדערן פֿון זיינע מיטמענשען.

נאָך אַ צווייטע פֿון יענע גרינדע, פֿאַר וואָס די רעליגיעזע

געפיהלען זיינען נאָך ניט אָבגעשטאָרבען; בעשטעהט אין דעם וואָס יעדער מענש, אפילו דער רויהעסטער, בעדאַרף אַן אידעאַל. וואָס איז דאָס אַן אידעאַל? דאָס איז אַ גאַנץ ווייטער טיפ, נאָך וועלכען די מענשהייט שטרעבט זיך צו ענטוויקלען און זיך צו פערפאָלקאָמענרען; ניט נאָר אַליין די פיזישע פערפאָלקאָמערונג, זאָנדערן אויך פון דאָס אינערליכע לעבען, פון אונזער דענקען, פון אונזער געזעלשאַפטס־געביידע. דער טריעב צו דיזען אידעאַל, דאָס שטרעבען פיר איהם איז אינסטינקטיוו ביי יעדען איינעם אין גייסט און אין קערפער נאָרמאַלען מענשען; דאָ האַנדעלט עס זיך וועגען עפעס אָרגאַנישעס, וועלכעס איז ניט אימער בעוואוסט ביי אַלעמען און אפילו ביים טיעפסטען און ריכטיגסטען דענקער גיעבט עס פיעל אונבעוואוסטעס. ווער עס האָט אַמאָל געזעהען, ווי מען מאַכט אַן אייזענבאַהן־וואַל, דער ווייס, אַז דאָס ווערט אויף אַזאַ אַן אופן געשעהן: צוערשט קלאַפט מען אַריין אין דער ערד אַ גאנצע רייהע פון הילצערנע פלעקער, עבען אַזוי הויך און אַזוי ווייט, וויפיעל עס וועט פערנעמען דער פאַרטיגער וואַל; דאַן שיטען די אַרבייטער אַרויף ערד אויף דיזע פלעקער, ביז זיי ווערען שוין אין גאַנצען פרעשאָטען און בעקומען די געשטאַלט פון דעם פאַרטיגען וואַל, וועלכער איז נויטהיג פאַר דער אייזענבאַהן. יעדע לעבעדיגע בעשעפענים האָט אין זיך אַ פאָרמירונג און ענטוויקלונגס געזעץ, וועלכער האָט פאַר איהם די זעלבע בעדייטונג, ווי די פלעקער־פאָרם פאַר'ן אייזענבאַהן־וואַל; פריהער ענטשטעהט עס אפילו מיט אַן אונזיכטבאַרער, אָבער דאָך אַ בעשעפענים־עהנליכע פאָרם, אין וועלכען עס וואַקסט אַריין, עס זוכט אויסצופילען, פונקט ווי דער וואַל וואַקסט אַריין און פילט אויס זיין געמאַכטע פאָרם. אויב איין אָרגאַניזם עררייכט די פאָרם, וועלכער דער אויסערער ציעל פון ענטוויקלונגס־פעהיגקייט האָט איהם געגעבען,

דאַן האָט ער די פֿאָלקאָמענהייט דערגרייכט און זיך אַליין אידעאַליזירט.

געוועהנליך בלייבט דער אינדיווידואום אימער צוריק הינטער'ן אידעאַל, אָבער זיינע אַנשטרענגונגען איהם צו עררייכען איז די פֿאַרבאָרגענע אינסטינקטיווע קראַפֿט, וואָס טרייבט צום זעלבסט־ערהאַלטען און ענטוויקלען זיך, דאָס הייסט, דער אינסטינקט פֿון יעדער אָרגאַנישער טהעטיגקייט. דער מין האָט זיין ענטוויקלונגס־ציעל אין אַלעס, וואָס עס איז נויטיג אום איהם צו עררייכען, פונקט אַזוי ווי דער אינדיווידואום, האָט אויך יעדער מאַן זיין געזעץ פֿון וואַקסען. ער ענטשטעהט, ער האָט אין זיך עפּעס, וואָס נויטהיגט איהם אַ בעשטימטע שטופֿע אין אַ געוויסע קראַפֿט צו עררייכען און אַ בעשטימטע צייט צו דויערען, ער וואַקסט ביז צו אַ געוויסע גרויס, דאַן געהט ער ווידער צוריק און פֿערשווינדעט ענדליך, מאַכענדיג פּלאַץ פֿיר אַן אַנדערע, העכערע פֿאָרמע, פֿאַר וועלכע ער האָט געדיענט אַלס פֿאָרשטופֿע, אָדער איך וואָלט געזאָגט, אַלס פּראָבע. — די פּאַלעאָנטאָלאָגיע (די לעהרען פֿון אויסגעגראָ־בענע זאַכען פֿון אַמאָליגער וועלט, א.) מאַכט אונז בעקאַנט מיט אַ גאַנצע רייהע פֿון אָרגאַנישע מינים, וועלכע האָבען געלעבט אין אַ געוויסער געאָלאָגישער עפּאָכע און זיי זיינען נאָכדעם אויסגעשטאָרבען. און דאָס זעלבע געפֿינט מען אויך ביי דער מענשהייט. זי איז אין כלל אַ זאָאָלאָגישע איינהייט, דאָס הייסט, ביי אַלע ח י ו ת (אויך די מענשליכע) ה ע ר ש ט נ אָ ר א י י ן ל ע ב ע נ ס־ג ע ז ע ץ.

דאָס לעבען איז ענטשטאַנדען אין אַ געוויסער געאָלאָגישער צייט (אויב דיזע צייט איז געווען אין אָנהויב פֿון דער פֿיער־טער, אין מיטען אָדער אַם ענדע פֿון דער דריטער געאָלאָ־גישער עפּאָכע, בלייבט פֿאַר מיין אַרגומענט גאַנץ גלייכגילטיג) און וועט אויך, נאָך אַלע וואַהרשיינליכקייטען, אויפֿהערען אין

איין געוויסער געאָלאָגישער צייט פֿון דער צוקונפֿט. די פֿאָר־מען, וועלכע זיינען געווען פֿאַר איהר, קענען מיר נאָך ערשט יעצט ווי עס איז זיך פֿאָרשטעלען, פֿון די אָבער, וועלכע וועלען נאָכדעם קומען קענען מיר קיין אָהנונג ניט האָבען. אָבער כל זמן די מענשהייט לעבט נאָך אויף דער ערד און האָט ניט ערדייכט די העכסטע שטופֿע פֿון איהר ענטוויקלונג, אַזוי לאַנג וועט זי ניט אויפֿהערען צו קעמפֿפֿען, אום צו קענען אָנפֿיהרען מיט בילדונג איהר פֿאָראויסבעשטימטע, אונזיכט־באַרע ראָמען און דיזעס שטרעבען צו פֿאַרווירקליכען אונזער פֿאָלשטענדיגען טיפּ, דיזעס וואַקסען אין דער הויך נאָך דער אידעאַלער מאָס ווערט פֿון אַלע מענשען (מיט דער איינציגער אויסנאַהמע פֿון אידיאָטען) געפֿיהלט און אַנערקענט, חאָטש ביי די מעהרצאָהל איז זי אונדייטליך און זיי פֿערשטעהען ניט איהר פֿאָלשטענדיגע בעדייטונג. די העכערע ענטוויקעלטע מענשען ברייגגען דיזע עמפֿפֿינדונגען צום בעוואוסטזיין. ביי אַנדערע, וויניג ענטוויקעלטערע מענשען בלייבען זיי אויף דער שטופֿע פֿון אַן אונבעשטימטען, אַהנונגספֿולען פֿערלאַנג, וועלכען מיר קענען רופֿען, אויב מיר ווילען, אַ מין שטרעבען צו אַ העכערער שטופֿע אָדער די בעדירפֿנים פֿון אַן אידעאַל און, ווי מיר זאָלען עס ניט רופֿען, איז עס ניט מעהר, אַלס איין שטאַרקער פֿעדלאַנג אַרויסצוטרעטען פֿון די אינדיווידועלע אָבזונדערונג און זיך קלאָהר צו פֿיהלען אין איינעם מיט זיינע מיטמענשען. דאָס, וואָס בינדט צונויף אַלע אינדיווידוען צו איין מין און זיין מיטגעבאָרענע נאַטור צו אַ טהירישער איינ־הייט, וואָס מאַכט זיי פֿאַר אַן אינדיווידואום פֿון אַ העכערע אָרדנונג־פֿאָרם; דאָס בינדט אויך צוזאַמען דאָס מענשליכע האַרץ, און מען רופֿט עס סאָלידאַריטעט. דיזע סאָלידאַ־ריטעט זוכט דייטליך זיך אויסצודריקען. צייטענווייז פֿיהלט יעדער מענש די בעדירפֿנים זיך צו פֿיהלען, אַלס אַ חלק פֿון

דעם גאַנצען מין, זיך צו איבערצייגען, דאָס אין זיין אינדי־
ווידועלער עקזיסטענץ ווירקט מיט די עקזיסטענץ פֿון׳ם מין,
פֿון דער ראַסע מיט איהר געוואַלדיגער לעבענס־קראַפֿט; דאָס
זיין בעזונדערע ענטוויקלונג שפּיעלט אַ קליינע ראָלע ביי דער
מאַסען־ענטוויקלונג פֿון דער גאַנצער מענשהייט; קורץ, פֿיהר־
לענדיג זיין צופֿריעדענשטעלונג אין דעם, וואָס דאָס גאַנצע
איך פֿון׳ם מין בלייבט וייטער לעבען, געדייהען און זיך
ענטוויקלען פֿון טאָג צו טאָג מיט אַ גוטע אויסזיכט פֿיר די
צוקונפֿט, געפֿינט ער גרויסע טרייסט פֿאַר די אייניגקייט, פֿאַר
די נויטה, פֿאַר די קורצע דויערונג פֿון אונזער אייגענער עק־
זיסטענץ. דער קולטור־מענש האָט טויזענדער מיטעל, ווי אַזוי
דיזע בעדירפֿנים צו בעפֿרידיגען, ניט אַרויסגעהענדיג פֿון זיין
שטודיר־שטוב אָדער פֿון זיין סאַלאָן. בעטראַכטענדיג די מענש־
ליכע ענטוויקלונג דורך פֿערשיעדענע עפּאָכען פֿון דער גע־
שיכטע, דאָס פֿערגעסען אָן זיך אַליין ביי אַלע דיינקער און
דיכטער פֿון אַלע צייטען, דער בעגריף פֿון דער וועלט האַר־
מאָניע, וועלכע די וויסענשאַפֿט האָט אונז ענטדעקט, און, אפילו
ווען דיזע איינציגע בעטראַכטונגען זאָלען ניט זיין געניגענד,
זיינען אָבער גאַנץ גענוג אָפֿט פֿאַראַן אין דער געזעלשאַפֿט
גייסטער, וועלכע לאָזען פֿיעל האָפֿען אויף דער צוקונפֿט, דאָס
די פֿערשיעדענע בעזונדערע אינדיווידוען וועלען אַרויסטרעטען
פֿון זייער בעהעלטענים און זיך צוזאַמענגעהמען אין אַ גרויס־
אַרטיגע מענשליכע קאָמפּאַניע. אָבער דער מענש פֿון פֿאָלק,
ווי האַלט עס מיט איהם? וואו האָט ער די געלעגענהייט זיך
מיט אַלע אַנדערע מענשען, אַלס מענש צו פֿיהלען? ווען
ווערט עס איהם בעוויזען, דאָס ער איז פֿעהיג אָדער האָט
גאָר דאָס רעכט צו וועלען זיך שטעלען העכער אַביסעל ווי
ער איז, ווען האָט ער עס דאָס רעכט זיך צו אונטערשיידען
פֿון די בהמות? ווען געפֿינט ער, אין׳ם קאַמפּף פֿיר דאָס

טעגליכע שטיקעל ברויט, און זיין שטענדיגע מאַטערנים און שטרעבען, ווי צו בעפֿרידיגען זיינע איינפֿאַכע בעדירפֿניסע, ווען געפֿינט ער איין אויגענבליק צייט זיך אַרומצוקוקען, וואו האַלט ער מיט זיין שטעלונג צו דער מענשהייט און צו דער נאַטור? ביז אַהער האָט דער איינפֿאַכער מענש געקענט ערר״יכען דיזע העכערע שטעלונג נאָר דורך די רעליגיאָן. דיזער אידעאַל איז איהם נאָר געווען צוגענגליך אין דער פֿאָרמע פֿון׳ם גלויבען. דער שבת האָט ביי איהם בעדייטעט ניט נאָר אויסצורוהען דעם גוף, זאָנדערן אויך אַ טאָג, אין וועלכען ער זאָל זיך בעזאָרגען פֿאַר זיין נשמה. די קירכע איז געווען זיין בעזוכס־צימער, דער גלח האָט איהם פֿיעל פֿער־געניגען פֿערשאַפֿט; גאָט און די צדיקים זיינען זיינע לייבליכע פֿריינדע. אין טעמפעל האָט ער זיך געזעהן אין אַ שטאָלצען, גרויסאַרטיג־בעפוצטען זאַאַל, וועלכער אַנגעהערט איהם פונקט אַזוי, ווי די צרה׳דיגע שטיבעל, וועלכע דיענט פֿאַר אַן אכסניא פֿאַר זיינע ניט־געבעטענע געסט, ווי דלות, צרות, דחקות און טעגליכע מאַטערנים. ביים תפילה טהאָן פֿיהלט ער זיך אַ שותף פֿון אַן אונטערנעהמונג, וועלכע איז ניט דירעקט פֿיר זיין בעשפייזונג און בעקליידונג, וועלכע איז ניט צו גונסטען פֿון׳ם ניבטס־ווירדיגען גוף. צווישען אַנדערע בעלי נאמנים פֿיהלט ער זין׳ אויך אַלס גלייך־בערעכטיגער מיטגליעד פֿון אַ גרויסער חברה אין די בעציהונגען, וועלכע ער האָט מיט זיינע שכנים ווענדעט ער אויך אָן אין׳ם גאָטעס־דיענסט, דאָס פֿאַלען אויף די קניע, דאָס צלם׳מען זיך א. ז. וו., וועלכע זיי איבען אוים גלייכצייטיג מיט איהם. די דרשה איז געווען דאָס איינציגע, העכערע מענשליכע וואָרט, וועלכעס איז איהם אַריין אין די אויערען, און האָט אויך אפשר צו דער זעלבער צייט אַביסעל בעוועגט זיינע דיינקונגס־אָרגאַנען. דאָס איז געווען אַ מעכטיגער גרונד, וואַרום ער האָט זיך פֿעסט גע־

האַלטען ביים גלויבען, און עס וועט אויך בלייבען אַ מעכטי־גער גרונד, אַ גרונד, וועלכען מען קען כמעט ניט אָבשוואַכען זאָ לאַנג די נייע ציוויליזאַציאָן וועט דעם אָרעמען מענשען ניט געבען עפּעס, וואָס זאָל בעוועגען זיינע געפּיהלען, זאָל פערבעסערען זיין לאַגע און פערשיעדענע דרשות איבער דאָס מענשליכע זעלבסט־בעוואוסטזיין, וועלכע איהם דוכט זיך אויס, אַז ער געפינט אין דער רעליגיאָן.

דיזעס וועט געטהון ווערען, און עס ווערט שוין צום טהייל יעצט געטהאָן. דאָס וואָרט פון׳ם דיכטער און דענקער דיענט שוין אָנשטאָט דאָס וואָרט פון׳ם פּריידיגער; דער טהעאַטער, דער קאָנצערט אָדער דער פערזאַמלונגס־האָל — זיינען שוין פולער, אַלס די קירכען אָדער בתי־מדרשים. די זריעה פיר די צוקונפטיגע פערבעסערונג איז שוין פערזייעט געוואָרען. אין די לענדער, וועלכע בעזיצען די פּאָליטישע פרייהייט, זוכט די אונוויסענדע, אַרביטענדע מאַסע גייסטיג זיך העכער צו שטעלען דערמיט, וואָס זי בעזוכט אין די זונטיגדיגע טעג פאָלקס־פערזאַמלונגען, אין וועלכע מען רעדט צו זיי וועגען די אַלגעמיינע אינטערעסען פון׳ם לאַנד. אין דעם טאָג פון וואַהלען פיהלט זיך דער מענש פון פאָלק דאָרט, וואו עס איז פאַראַן דאָס אַלגעמיינע וואַהל־רעכט, פיעל גליקליכער און פיעל שטאָלצער, אַלס ביים אָבריכטען דעם סדר א. ז. וו. אין די פעראיינען, וועלכע עקזיסטירען אין אַ סך ערטער, וואו מען האַלט פערשיעדענע פאָרטרעגע אָדער פאָרלעזונגען פון פערשיעדענע פּאָעטישע ווערקע, רעדט מען מעהר מענשליך און מעהר פערשטענדליך צו דער מאַסע, אַלס די פּריידיגער און מגידים אין די קירכען און שולען, און עס איז מעהר ניט ווי בעדויערונגס־ווערטה, דאָס דיזע פעראיינען האָבען נאָך ניט אויסגעאיבט זייער ווירקען איבעראַל צווישען גאַנץ איינ־פאַכען פאָלק, וועלכעס בעדאַרף עס זעהר נעהטיג האָבען.

און דיזע זאַמען װעלען זיך ענטװיקלען, און װעלען נאָך אַמאָל זייערע פריכטע טראָגען. פאַר אונז איז בעהאַלטען פיעלייכט אַ זעהר נאָהענטע צוקונפט, װעלכע װעט פיעלייכט זעהען אַ ציװיליזאַציאָן, װאָס װעט דעם מענשען בעפרידיגען זיינע בעדירפניסע נאָך ערהאָלונג, נאָך דענקען, נאָך גליק און נאָך סאָלידאַרישע געפיהלען, ניט נאָר אין דער פאַנטאַזיע, זאָנדערן אין דער טהאַט. נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט די פערצייטיגע, לאַנג פערגאַנגענע צייט, װי די קולטור געשיכטע פערצייכענט עס אָפט, װעט דאָס טהעאַטער װיעדער זיין, װי אין זיין אָנפאַנג אין גריכענלאַנד פאַר אַן ערך פון דריטהאַל־בען־טױזענד יאָהר, װעט דאַן זיין אַ בעװייז פאַר׳ן צושטאַנד פון דער מענשהייט, ניט אַזוי װי דאָס היינטיגע טהעאַטער מיט זיינע שונד־שטיקע, מיט זיינע שטראַסען־מעלאָדיען, זאָנ־דערן אַ טהעאַטער, אין װעלכען מיר װעלען זעהן, אין אַ שעהן פערקערפערטער פאָרם, קעמפפען די ליידענשאַפטען מיט׳ן װילען און װי דער עגאָאיזם און אַלטרואיזם ראַנגלען זיך, און אַלעס װערטער װעלען כמעט האָבען איין זינן—דאָס אַלגעמיינע גליק פון דער גאַנצער מענשהייט. אָנשטאָט גע־װיסע רעליגיעזע האַנדלונגען װעלען איינגעפיהרט װערען ריין מענשליכע האַנדלונגען. און װאָס פאַר אַ גאַנץ אַנדערע גע־פיהלע װעלען דאָס ערװעקען אין׳ם מענשען דיזע ימים טובים פון דער צוקונפט, װאו יעדער איינציגער װעט אַנטהייל נעה־מען! געגען דאָס קלאָהרע, פערשטענדליכע שעהנהייט פון דער פאָעזיע, קענען ניט נאָך לענגער ביישטעהן די דונקעלע אונפערשטענדליכע װערטער פון׳ם רעליגיעזען בעל־דרשן. פון די מענשליכע ליידענשאַפטען פאַר די איידעלע דראַמאַס ענטװיקעלט זיך אַ גייסט, פאַר װעלכען די רעליגיעזע דינים און מנהגים זיינען צו דום און צו נאַריש. די ערקלעהרונגען פון אַ געלעהרטען, װעלכער טרייעט אונז בעקאַנט צו מאַכען

מיט די ערשיינונגען פֿון דער נאַטור, די רעדען פֿון אַ פּאָ־ליטיקער, וועלכער בעהאַנדעלט די טאַגעס־פֿראַגען, וואָס פּאַסירען אין דער שטאָט אָדער ביים קהל, פֿעראינטערעסירען דעם פֿערשטענדליכען צוהערער פֿיעל מעהר, אַלס די פלאַפּ־לעריי פֿון אַ פֿרויען בעל־דרשן, וועלכער דערצעהלט אונ־גלויבליכע הייליגע מעשיות, וועלכע בלייבען פֿיר אונז אַ רעט־טעניש אָדער, ווי, למשל, ביי קריסטען בעשפּריצט דער גלח די טשערעדע מיט הייליגע וואַסער. דאָס ערבאַרמען זיך אויף די יתומים פֿון׳ם קהל, די פֿאַרטהיילונג פֿון קליידער און אַנדערע מתנות צו די אָרעמע קינדער און די צוטהיילונג פֿון פֿערשיעדענע עהרע־צייכענס צו די בירגער, וועלכע האָבען, למשל, איינגעשטעלט זייער לעבען צו ראַטעווען אַן אַנדערען, צו די וועלכע האָבען געמאַכט פֿערשיעדענע ענטדעקונגען, עמפּפֿינדונגען א. ז. וו., וועלכע פֿינדען שטאַט אין דער גע־גענוואַרט פֿון׳ם פֿאָלק, אונטער די בעגלייטונג פֿון מוזיק, אונטער אַ יום טוב׳דיגער פֿאָרם, מאַכט די אַנוועזענדע גאַנץ אַנדערש פֿיהלען זייערע בירגער פֿפליכטען צו אַן אַנדער דורך די אַלגעמיינע אינטערעסען און אונטערהאַלטונגען, אַלס דורך דעם, וואָס אַ געוויסע פערזאָן טונקט איין זיינע שמוציגע פֿינגער אין אַ כלי פֿון אפשר ניט גאַנץ ריינעם אָבער דאָך הייליגעם וואַסער, און בעשפּריצט זיי דאַמיט, כדי זיי צו פֿער־איינינגען אין איינעם און מכפּר זיין זייערע זינד; אָדער תפילה טהוענדיג און זינגענדיג זמירות אין איינעם. אַזוי, גאַנץ אַנ־דערש שטעל איך מיר פֿאָר די צוקונפֿטיגע ציוויליזאַציאָן. אַזוי ווערט אַמאָל, נאָך מיין איבערצייגונג נאָך, אפילו דער איינ־פֿאַכסטער מענש פֿון פֿאָלק זיין פֿערבונדען אין איינעם מיט אַלע איבעריגע; דער מענש וועט געפֿינען זיין אינדיווידועלע צופֿרידענשטעלונג אין קונסט, פּאָעזיע, וויסענשאַפֿט, נזט בלויז אין דעם, וואָס ער קען זיך אַליין שאַפֿען, זאָנדערן וועט זיך

אויך בענוצען מיט די פֿערשיעדענאַרטיגע פֿעהיגקייט, וועלכע די סך איינצעלנע האָבען פֿערשאַפֿט דעם מין, אום צו קומען צו אַ העכערע שטופֿע פֿון ענטוויקלונג. נאָר ביז צו דער פֿערווירקליכונג פֿון דיזען בילד פֿון דער צוקונפֿט איז עס פֿערשטענדליך, פֿאַר וואָס די מאַסע זוכט נאָר זיך צו ערהייבען דערמיט, וואָס זי אַנבעלאַנגט צו דער רעליגיאָן אדער, ריכטיגער, וואָס זי געפֿינט פֿערגניגען אין די אויסערע זייט פֿון דער רעליגיאָן: אין'ם פֿערפּוצטען קירכען־זאַאַל אָדער אין דער גרויסער שוהל, אין גלחים, רבנים, חזנים, און די טענער פֿון אָרגלען און פֿערשיעדענע זמירות,—ווייל אַנדערשוואו האָט מען זיי נאָך ניט פֿאָרלויפֿיג קיין פֿערגניגען פֿערשאַפֿט.

3.

די פֿאָריגע ערקלערונגען מאַכען מיינע ווערטער גאַנץ פֿערשטענליך: דער מענש בעדאַרף האָבען אַן אידעאַל, אַ טרייסט; און מעג ער זיך אפילו אָבנאַרען אין דעם, דאָס ער טרייסט איהם, און שטעלט איהם צופֿרידען, איז עס פֿאָרט ניט קיין צבוע'צטוואָ, קיין ליגען, זאָנדערן אַן אמת'ער, אונאויסראָטליכער געפֿיהל. ווי מיר האָבען געזעהען, האָט דיזער שטרעבען געטריבען דעם איינפֿאַכען מענש פֿון'ם פֿאָלק צום גלויבען אין אַ גאָט און אין דער אונשטערבליכקייט פֿון דער נשמה. וואָס פֿיעלע מענשען האַלטען זיך נאָך היינט ביי דיזע אַמאָליגע נאַרישע פֿאָרשטעלונגען, איז פֿאַר זיי ניט קיין בעוואוסטער ליגען, זיי בעטריגען זיך אַליין, אָבער ניט אַבזיכטליך; דאָס איז אַן עהרליכע קריינק, אַן אמת'ע מכה; אַ געוואָהנהייט, פֿון וועלכער מען קען ניט פטור ווערען; אַ פּאָעטישע שטימונג פֿון רחמנות, צו וועלכער מען לאָזט ניט צו דעם שכל, כדי ער זאָל עס ניט קענען אונטערזוכען. אונ־

טער דעם ליגען פֿון דער רעליגיאָן פֿערשטעהע איך עפּעס אַנדערעס. איך פֿערשטעה דאַרונטער דעם ליגען פֿון דער פֿערעהרונג, וועלכע דער היינטיגער ציוויליזירטער מענש מאַכט די עקזיסטירענדע רעליגיאָנען, די דינים פֿון דער אמונה, די מנהגים, ימים טובים, צערעמאָניען, די סימבאָלען און וואָס זיי באַצאָהלען גלחים, רבנים, חזנים, שמשים און די גאַנצע כלי־קדש.

דיזע פֿערעהרונג איז אַ ליגען און אַ צבוע'צטוואָ אפילו ביי יענע, וועלכע קענען נאָך ניט בעגרייפֿען, ווען זיי האָבען נאָך עפּעס אַביסעלע בילדונג און פֿערשטאַנד, וועלכע געניסען חאָטש אַביסעלע פֿון דער היינטיגער בילדונג; זי איז אַ ליגען און היפּאָקריטסטוואָ, וואָס, ווען אונטערשטיצענדיג דאָס, ווערען די פּנים'ער פֿון די היינטיגע ציוויליזירטע מענשען נאָר דאַרום ניט רויט פֿאַר שאַנדע, ווייל מען טהוט, מעהרסטען־טהיילס, אַזוינע זאַכען געדאַנקונגס־לאָז, ניט אָבגעבענדיג זיך קיין דין וחשבון פֿון די לעבערליכקייטען, ליגען, היפּאָקריטיזמוס און שענדליכקייטען, וועלכע זיי אונטערשטיצען דאַמיט. ווייל מען איז צוגעוואוינט, געהט מען אין שוהל אָדער אין דער קירכע אַריין, גיט מען אָב כבוד דעם רב אָדער דעם גלח, מען האַלט די תורה פֿאַר הייליג, מעבאַניש מאַכט מען אַ יראת שמים פּנים'על, ווען מען קומט זיך צוזאַמען בּיים גאָט בעטען, און מען פּרופּט עס אפילו גאָר ניט פֿערשטעהן, וואָס פֿאַר אַ שענדליכען פֿערראַטהה מען בעגעהט מיט דיזע היפּאָקריטישע האַנדלונגען געגען אַלע זיינע איבערציינונגען, געגען דעם פֿערשטאַנד און געגען אַלעם דאָס, וואָס מען פֿערשטעהט און מען בעגרייפֿט פֿאַר אמת.

פֿאָרשענדיג די געשיכטע האָבען מיר געלערנט, ווי אַזוי די ביבעל איז ענטשטאַנדען; מיר ווייסען, דאָס אונטער דיזען נאָמען פֿערשטעהט מען אַ זאַמלונג פֿון שריפֿטען, וועלכע

זייגען אין זייער ענטשטעהונג, בעדייטונג און איגהאַלט עבען
אַזוי פֿערשיעדען, ווי עס וואָלט נאָר געקענט זיין אַ בוך, ווען
מען זאָל געווען, למשל, עס צוזאַמען־מישען די ניבעלונ־
גען פֿון ריכאַרד וואַגנער, אַ בוך פֿון ציוויל־געזעצע,
מיראָבאָ'ס רעדען, היינריך היינעס ליעדער און אַבוך
צום לעהרנען דאָס לעבען פֿון די חיוה, מען זאָל שטיקלאַך
ווייז, אָהן אַ שום סדר, זיי צוזאַמענשטעלען און עס אָבדרוקען
אין איין בוך. מיר געפֿינען אין דער ביבעל צונויפֿגענומען די
אַבערגלויבישע פֿאָרשטעלונגען פֿון די פֿערצייטיגע בעוואָהנער
פֿון פֿאַלעסטינאַ, דעם אינהאַלט פֿון פֿערשיעדענע אינדישע
און פערסישע באָבע־מעשיות, די שלעכט־נאָכגעמאַכטע עגיפּ־
טישע מנהגים און מצות, קורצע און מיט דער געשיכטע ניט
איינשטימיגע קראָניקע (דברי הימים), פֿערשיעדענע היידישע
און אידישע נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע ליעדער, וועלכע זיינען
זעלטען שעהן און געשמאַקפֿול, נאָר צייכענען זיך אימער אויס
מיט אַ שלעכטען פּאָעטישען געשמאַק, רויהייט און אַ ריין
אָריענטאַלישע בעדייטונג. אַלס אַ ליטעראַרישער דענקמאַל
איז די ביבעל אַ סך יונגער, ווי די ווערע 6) אין אַ טהייל
פֿון די קינגס 7) אין פּאָעטישען ווערטה שטעהט זי פֿיעל
נידעריגער, ווי אפילו די ווערקע פֿון די איינפֿאַכע דיכטער
אין די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר, היינט ווער רעדט שוין
צו מען קען זיי פֿערגלייכען מיט די פֿערדינסטען פֿון האָ־
מער'ס, סאפאקל'עס, דאַנטע'ס, שעקספיר'ס אָדער
געטהע'ס אונשטערבליכע ווערקע; דאָס קען נאָר איינפֿאַלען
אַזוינע בעטריבטע מוחות, וועלכע ווילען זיך ניט בענוצען
מיט'ן שכל; איהר וועלט־אַנשויאונג איז קינדערש און איהר
מאָראַל איז עקעלהאַפֿט, ווי דאָס צייגט זיך אַרויס אין דעם
אַלטען טעסטאַמענט פֿון אַ גאָט פֿול מיט נקמה און אין נייעם
טעסטאַמענט (ברית חדשה) פֿון דער עפיזאָדע פֿון מאַריאַ

מאַגדאַלענאַ מיט די פֿרויען, וואָס האָבען מזנה געווען און אין די בעציהונגען פֿון קריסטוס צו זיין מוטער. און פֿון דעסט־וועגען האַנדלען היפּאָקריטיש געבילדעטע מענשען, וועלכע זיינען גענוג פֿעהיג צו בעגרייפֿען דאָס אַלעס, זיך אָנשטע־לענדיג פֿרום און צושטימענדיג, אַז דיזע אַלטע ביכער זיינען וויכטיג; זיי לאָזען ניט צו קיינע דעבאַטען און פֿערדאַמען יעדע פֿערנינפֿטיגע קריטיק, און פֿערלאַנגען נאָר, אַז יעדער זאָל אַזוי היפּאָקריטיש האַנדלען פּונקט ווי זיי, צו אַנערקענען די ביבעל, אַלס די שעהנסטע מתנה פֿאַר'ן מענשליכען גייסט; זיי גרינדען שטאַרקע חברות, וועלכע פֿערשווענדען מאַסען גאָלד, אום דיזע אַלטע נאַרישקייט אָבצודרוקען אין מיליאָנען און זיי צו פֿערשפּרייטען איבער דער גאַנצער וועלט, ווילען אונז איינריידען, אַז זיי אַליין פֿיהלען זיך העכער און העכער, ווען זיי לעזען עס.

די דינים פֿון אַלע עקזיסטירענדע רעליגיאָנען בערוהען אויף פֿאָרשטעלונגען און מנהגים, וועלכע קומען אַרויס פֿון די פֿאַרצייטיגע ווילדע אין אַזיען און נאָרד־אַפֿריקאַ. מיר קע־נען בעמערקען אין די עפֿענטליכע גאָטעס־דיענסט און גע־בעטע, און די ימים טובים און קרבנות בריינגען פֿון די אידען און קריסטען פֿון היינטיגע צייטען, דעם שפור פֿון'ם דיענען צו דער זון ביי די אריער, פֿון די בודדאַ'יסטישע מיסטיק, פֿון'ם דיענען אָזירים 8) ביי די אַלטע עגיפּטיאַנער. און די מענשען פֿון'ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט מאַכען אַן ערנסטע, אַ צופֿרידענע צוואַר אַ יום טוב'דיגע מיענע בשעת זיי פֿאַלען אויף די קניע, וועהרענד זיי מאַכען נאָך געוויסע אַנדערע רעליגיעזע מנהגים, וועלכע זיינען עמפּפֿונדען געוואָ־רען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, אין דער שטיין אין בראָנז צייט ערגעץ ביים ניל־טייך אָדער אין אַנדערע מקומות פֿון די אונענטוויקעלטע באַרבאַרישע פֿעלקער, אום צו בעפֿעסטי־

גען די געצענדיענסטעריי פֿון דאַמאָלס!

וואָס מעהר מען נעהמט זיך בעדיינקען איבער דיעזער לעבערליכער קאָמעדיע, וואָס מעהר מען בעטראַכט דעם אונ־געהייערען געגענזאַץ צווישען אונזער ציוויליזאַציאָן און די עקזיסטירענדע רעליגיאָנען, אַלץ שווערער ווערט עס גלייכ־גילטיג צו רעדען איבער דיזען געגענשטאַנד. די וואורצלען פֿון דיזער רעליגיעזער קראָפּעווע זיינען אַזוי טיעף איינגעוואַקסען אין'ם מענשליכען דענקען, דאָס געשריבענע אַרגומענטען און וויסענשאַפֿטליכע קריטיק קענען פֿאָרלויפֿיג זיך ניט מעהר ווי פֿערשטעכען, אָבער אום עס אויסצורייסען זיינען זיי עבען אַזוי אונמעכטיג, ווי דער בעסטער בעזים צו קעהרען איז אונ־מעכטיג געגען די זאַמדיגע בערג פֿון זאַהאַראַ—מדבר, און נאָר דאָס געלעכטער פֿון אַ ראַבלע (אַ פֿראַנצויזישער הו־מאָריסטיקער) און דער מעכטיגער טינטער פֿון אַ לוטהער[9] פֿיר אויפֿקלעהרונג, קענען עפּעס מיט איהר מאַכען.

ווי זאָל מען עס קענען נאָכווייזען יעדען איינצעלנעם ליגען פֿון דער רעליגיאָן? מען מוז זיך דערמיט בעניגנען, וואָס מע קען אייגיגע פֿון זיי אויפֿצייגען. די דיפּלאָמאַטען ווענדען אָן אַלע מיטלען מיט דעם, וואָס זיי אונטערקויפֿען און די קאַרדינאַלען סטראַשען, כדי מען זאָל אויסוועהלען פֿאַר אַ פּאַבסט ווענען זיי געפֿעהלט; און נאָכדעם, אַז זייערע אונ־אויפֿהערליכע אינטריגען האָבען זיי געלונגען, זיינען דיזעלבע דיפּלאָמאַטען מודה, אַז דער פּאַבסט האָט אַ געוויסען כוח פֿון'ם רוח הקדש אַליין, וועלכער האָט איהם בעשטימט אַלס נאָכפֿאָלגער פֿון'ם הייליגען פּעטרוס (איינער פֿון קריס־טוס'עס תלמידים) אַליין. און די רעגירונגען אונטערשטיצען און בעפֿעסטיגען די מאַכט פֿון אַ מאַן, וועלכער דאַרף גאָט צושטעלען ריינע נשמות, דאַרף בע'חשבון'ען דעם שכר פֿון די פֿרומע און דעם עונש פֿון די זינדיגע מענשען און וועלכער

קען אונז בעפרייען פון מאַטערנים און יסורים רעים אויף'ן עולם האמת, ווען עס געפעהלט איהם נאָר דער פדיון; די רעגירונגען ערקלעהרען עפענטליך דורך די געזעצע, דאָס דער פּאַבסט האָט באמת ביי גאָט אין די אויגען מעהר חן, און דאָס פאַר אַזאַ מענשען, וועלכער איז דער דירעקטער פערטרעטער פון'ם מלך מלכי המלכים אויף דיזער זינדיגער וועלט מוזען אַלע רעספּעקט האָבען. און די זעלבע רעגירונגען שעהמען זיך ניט צו שיקען עקספּידיציאָנען צו ציוויליזירען די שוואַרצע אין מיטעל־אַפריקאַ און זיך אויסצולאַכען ווען אַ שוואַרצער צויבערער סטראַשעט זיי, אויב זיי וועלען ניט גלייך אַוועק, מיט זיין גאָט'ס צאָרן, וועמעס פערטרעטער און בעל־יועץ ער איז. ווער קען עס מיר צייגען, וואָס פאַר אַן אונטערשיעד עס איז פאַראַן צווישען דיזען שוואַרצען גאָט'ס פערטרעטער און די רעמישע פּעבסטע, וועלכע בעהויפּטען צו זיין גאָט'ס פּרעמיער־מיניסטערס אויף דער ערד, אויף וועמעס בעפעהל דונערען און בליצען געהאָרכען צום אויגענבליק, וועמעס רעקאָמענדאַציאָן עס גיעלט אויף'ן עולם האמת? און וואו איז די לאָגיק פון די געבילדעטע אייראָפּעער, ווען פון איינעם לאַכען זיי אָב און פאַר'ן אַנדערען ציטערען זיי און פערעהרען איהם?

יעדער רעליגיעזער מנהג איז די לעבערליכסטע קאָמעדיע און די דומסטע סאַטירע, ווען אַ געבילדעטער מענש פון'ם נייענצעהנטען יאָהרהונדערט איבט עס אויס. ער לאָזט זיך בעשפּריצען פון פּריסטער מיט הייליגע וואַסער און מאַכט דערצו אַ מינע, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס אומגעענדערט געוואָרען, ווי עס וואָלט איהם גוטע מעשים צוגעקומען, אָבוואָהל בעמיש אונטערזוכענדיג, ווייסט ער גאַנץ גוט, דאָס צווישען דיזען געוועהנליכען וואַסער איז קיין אַנדער אונטערשיעד ניט דאָ, סיידען וואָס יענער איז ריינערער! מען טהוט תפילה,

מען פֿאַלט אויף די קניע, מען נעהמט אַנטהייל אין פֿערשידענע רעליגיעזע צערעמאָניען און מען בעשטימט דאַדורך, דאָס עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, וועלכען מען קען צופֿריעדען שטעלען מיט'ן דאַוונען, מיט'ן פֿאַלען אויף די קניע, מיט די טענער פֿון'ם אָרגעל און מיט פֿערשיעדענע צערעמאָניען נאָר דאַן, ווען מען טהוט תפילה אויף איין אַרט, און די בעוועגונגען ווערען געמאַכט נאָך אַ בעשטימטער פֿאָרם, און ווען די צערעמאָניען ווערען אויסגעאיבט דוקא פֿון מענשען געקליידעט נאָך אַ בעשטימטער פֿאָרם אין לאַנגע זשופּעצעס מיט משונה'דיגע טליתים פֿון אַ געוויסען שניט און פֿון אַ געוויסער פֿאַרב, וועלכע קיין פֿערנינפֿטיגער מענש וואָלט ניט געטראָגען. די בלויזע טהאַטזאַכע, דאָס מען מוז תפילה טהון נאָר נאָך'ן דין נאָך, קענען נאָר אויף אַזאַ מין אופן פֿון'ם ריינעם פֿערשטאַנד איבערזעצט ווערען: די גלחים און רבנים האָבען פֿון אַ געוויסער זיכערער קוועלע ערפֿאַהרען, דאָס גאָט האָט ניט נאָר די גאוה צו וועלען הערען פֿערשיעדענע קאָמפּלימענטען, לויב־שפּריכע און שמייכלערייען איבער זיין חכמה, זיינע גוטע מידות און איבער אַלע זיינע איבעריגע מעלות, זאָנדערן דאָס ער האָט די חוצפּה צו וועלען, אַז די אַלע שמייכלערייען און קאָמפּלימענטען זאָלען דוקא געזאָגט ווערען אַזוי ווי ער האָט זיך אַליין בעשטימט און ניט אַנדערש. און די קינדער פֿון דער נאַטור וויסענשאַפֿטליכער צייט אַכטען און שעצען די רעליגיעזע מנהגים און ווילען עס ניט ליידען, אַז מען זאָל דיזע שעדליכע נאַרישקייטען בעהאַנדלען מיט דיזער פֿעראַכטונג, וועלכע זיי פֿערדיענען.

נאָך מעהר אונערטרעגליך און רעוואָלטירענד, אַלס דער ליגען פֿון דער רעליגיאָן ביי יעדען איינצעלנעם, איז דער ליגען פֿון דער רעליגיאָן ביי דעם כלל. דער איינצעלנער בירגער אפילו, ווען ער געהערט לפנים צו אַ וועלכער עס איז רעלי־

גיאָן און פּראַקטיצירט איהר, מאַכט זיך ניט פיעל דאַרויס, וואָס אינערליך איז ער ניט איבערצייגט און איז פרעמד צו דיזען אַבערגלויבען, דאָס מען קען מיט פערשיעדענע ווער־טער ענדערען די געזעצע פון דער נאַטור, דאָס דורך דעם, וואָס מען טובל'ט אַ קינד אין וואַסער קען דער שטן איבער איהם קיין שליטה ניט האָבען און דאָס דורך דעם, וואָס אַ מאַן אין אַ שוואַרצער זשופּעצע איז מכפּר די זינד, זאָל מען גלייך אַריין קומען אין גן עדן. אָבער אַלס מיטגליעד פון דער געמיינדע און פון'ם קהל ערקלעהרט דער זעלבער בירגער אַלע מנהגים, וועלכע די רעליגיאָן פאָרדערט פיר נויטוועגדיג און ער ברייננגט פיר איהר אַלע מאַטעריעלע און מאָראַלישע אָפּפער, וועלכע די פון שטאַאט אַנערקענטע, גוט־בעצאָהלטע פערטרעטער פון דער רעליגיאָן פאָדערען פון איהם. דער זעלבער שטאַאט, וועלכער ריכטעט איין אוניווערזיטעטען, שולען, ביב־ליאָטהעקען, בויט אויך קירכען; דער זעלבער שטאַאט, וועלכער בעשטימט פּראָפעסאָרען, בעצאָהלט אויך פּריסטער; דאָס זעלבע געזעצבוך, וועלכעס פאָרדערט די פּינקטליכע בעזוכונג פון דער שולע, בעשטראָפט אויך פאַר דעם, וואָס מען לעס־טערט גאָט און מען פערשפּאָט אָדער מען בעליידיגט די רעליגיאָן. מען זאָל זיך נאָר רעכט נעהמען בעדענקען, וואָס דאָס בעדייט: דו זאָגסט, אַז די ערד שטעהט אויף איין אָרט און דאָס די זון דרעהט זיך אַרום איהר, כאָטש מע בעווייזט מיר בפירוש מיט אַלע מיטעל פון דער וויסענשאַפט, אַז עס איז פּונקט פאַרקעהרט, אָדער דו רעדסט מיר איין, אַז די ערד איז ערשט אַלט ניט מעהר, ווי פינף טויזענד מיט עטליכע יאָהר, כאָטש מען בעווייזט מיר פערשיעדענע שטיינער פון עגיפּ־טען און פון אַנדערשוואו, וועלכע זיינען אַליין פיעל עלטער פאַר דיין וועלט. קיינער האָט צו דיר גאָרנישט, מען שפּאַרט דיר אפילו ניט איין אין משוגעים־הויז, מען ערקלעהרט דיר

אפילו ניט פיר אונפעהיג צו זיין בעאמטער אדער געלעהרטער, כאטש דו האסט געוויזען דעם ריכטיגסטען בעווייז, דאס דו ביזט ניט ביי'ם ריינעם פערשטאנד און דו ביזט פאלשטענדיג אונפעהיג צו אורטהיילען פאר זיך אליין, דאן ביזט דו דאך פון דעסטוועגען דער טהעארעטישער לעהרער פון אנדערע. דו בעהויפטעסט דעם געגענטהייל, דאס דו גלויבסט ניט, אז עס עקזיסטירט א גאט, דאס דער גאט פון די עקזיסטירענדע רעליגיאנען איז ניט מעהר, אלס דער פראדוקט פון קינדער־שער, געמיינער אדער ביז צום משוגעת געטריבענער איינ־בילדונג, און מע וועט דיך פערפאלגען און ערקלעהרען פאר אונפעהיג צו זיין בעאמטער אדער לעהרער, כאטש פיר די עקזיסטענץ פון א גאט איז נאך קיין מאל ניט געבראכט געווארען קיין ערנסט וויסענשאפטליכער אדער פערנינפטיגער בעווייז; כאטש די בעוויזע, וועלכע דער בעסטער טהעאלאג קען אנפיהרען צו איבערצייגען, דאס א גאט עקזיסטירט, זיינען ניט אזוי קלאהר און דייטליך, ווי די בעוויזע, מיט וועלכע דער ארכיאלאג און דער געאלאג איבערצייגען אונז, ווי אלט מיר קענען רעכענען די מענשליכע קולטור און די ערד, ווי די בעווייזע, וועלכע דער אסטראנאם בריינגט אונז, דאס די ערד בעוועגט זיך ארום דער זון, און אפילו נאך'ן שטאנדפונקט פון דער טהעאלאגיע קען מען זיך גיבער ענט־שולדיגען ניט גלויבענדיג אין א גאט, פיר וועלכען מען האט ניט דעם מינדסטען בעווייז, אלס צו צווייפלען אין די פער־שטענדליכע וויסענשאפטליכע בעשטעטיגונגען. נאר ווייטער: דער שטאאט בעשטימט פראפעסארען, בעצאהלט זיי מיט די שטייער־געלדער, מען צייכענט זיי אוים און מען גיט זיי פערשיעדענע טיטלען, קורץ, ער גיט זיי א געוויסע אויטא־ריטעט, און דיזע פראפעסארען האבען די דירעקטע אויפגא־בע צו לערנען און צו בעווייזען, דאס די אלע וועלט־ערשיי־

נונגען ווערען בעהערשט פֿון נאַטירליכע געזעצע, דאָס די פֿיזיאָלאָגיע מאַכט ניט קיין אונטערשיעד אין די לעבענס־בעציהונגען פֿון אַלע לעבענדיגע ברואים, אַזוי ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיער; נאָר צו די פּראָפֿעסאָרען פֿון דער ריכטיגער וויסענשאַפֿט, בעשטימט ער אויך טהעאָלאָגישע פּראָפֿעסאָרען, וועלכע האָבען די זעלבע דירעקטע אויפֿגאַבע צו לערנען, ניט אפילו צו בעווייזען, דערפֿאַר אָבער צו בעהויפּטען, דאָס דער ניי־געבאָרענער מענש האָט שוין עבירות בירושה, און, דאָס גאָט האָט אין אַ שעהנעם טאָג דעם מענשען דיקטירט אַ בוך, וועלכעס ווייזט, ווי אין געוויסע הינזיכטען ווערען די געזעצע פֿון דער נאַטור איבערגעמאַכט, דאָס דורך דעם, וואָס מען מורמעלט פֿערשיעדענע ווערטער איבער'ן מעהל־טייג קען מען עס פֿערוואַנדלען אין פֿלייש, און צוואַר אין דאָס פֿלייש פֿון איינעם, וואָס איז געשטאָרבען שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, און דאָס דריי זיינען איינס און איינס — דריי (די קריסטליכע דריי־איינִיגקייט). ווען אַ געזעץ־ליבענדער בירגער זאָל הערען אַ פֿאָרטראַג פֿון'ם שטאַאט בעשטעלטען פּראָפֿעסאָר פֿון נאַטור־וויסענשאַפֿט און גלייך דאַרויף אַ רעדע פֿון'ם טהעאָלאָגישען פּראָפֿעסאָר, וועלכער איז עבען געשיקט געוואָרען פֿון'ם שטאַאט, דאַן וואָלט ער זיך געווים געפֿונען אין אַ שווערע פֿערלעגענהייט. איינער האָט איהם געזאָגט, דאָס נאָך דעם טוידט ווערט זיין אָרגאַניזם אויפֿגעלעזט, דער צווייטער פֿערזיכערט איהם, דאָס געוויסע פּערזאָנען בלייבען ניט נאָר אונבעריהרט, זאָנדערן זיינען נאָך ווידער לעבעדיג געוואָרען. אוןביידע לעהרער האָבען די רעקאָמאַנדאַציאָן פֿון'ם שטאַאט, ביידע לעהרער בעצאָהלט ער פֿון די שטייער־געלדער, ביידען ערקלעהרט דער שטאַאט פֿיר גלייך נויטווענדיג, פֿיר גלייך בערעכטיגט, וועלכען פּראָפֿעסאָר זאָל דאַן דער אונגליקליכער בירגער גלויבען? דעם טהעאָלאָג? דאַן זאָגט דאָך דער פֿי־

זיאָלאָג ליגען און דער שטאַאט בעצאָהלט אַ ליגנער און גיט איהם מיט'ן פולען בעוואוסטזיין דעם אויפטראַג, ליגען צו פערשפרייטען צווישען דער יוגענד! אָדער זאָל ער גלויבען דעם פיזיאָלאָג? דאַן איז דער טהעאָלאָג אַ ליגנער און דער שטאַאט בעטריגט פאָרט די יוגענד. איז עס עפּעס אַ וואונ-דער, וואָס בעמערקענדיג דיזעס, צווייפעלט דער ערליכסטער בירגער, אויב דער שטאַאט איז ווירקליך ווערט, אַז מען זאָל איהם אַכטען און איהם פערטרויען זיינע אַנגעלעגענהייטען?

און דאָס איז נאָך ניט אַלעס. דער קהל פערפאָלגט דורך זיינע געזעצע און דורך'ן געריכט אַלטע פרויען, וועלכע נאַ-רען אוים געלד ביי דיענסט-מיידלעך מיט'ן אויסרייד, דאָס זיי וועלען זיי דערפאַר שיינקען דאָס הערץ פון'ם געליעבטען; אָבער דער זעלבער קהל דינגט מענשען, צאָהלט זיי שכירות און גיט זיי אָב פיעל כבוד עפענטליך און פריוואַט, אום זיי זאָלען ביי די זעלבע דיענסט מיידלעך אויסנאַרען געלד מיט'ן ניט וועניגער בעטריגערישען אויסרייד, דאָס דורך פערשידענע האָקוס-פאָקוסען וועלען זיי מאַכען, דאָס זייערע פערוואַנדטע זאָלען ווערען בעפרייט פון צו דאַרפען געפרעגעלט ווערען אין פעך און שוועבעל אויף יענער וועלט. דער מנהג וויל, דאָס מען זאָל די הייליגע בעאַמטע פון דער קירכע, גלחים, בי-שאָפען און קאַרדינאַלען אָבגעבען כבוד און זיין אונטערטהעניג צו זיי. און דיזען מנהג בעשטעטיגען אפילו יענע מענשען, וועלכע האַלטען די גייסטליכע פאַר שווינדלער און בעטריגער, וואָס איז אַזוי ווי יענע דאָקטוירים, יענע ערצטע, וועלכע וויסען גאַנץ גוט, דאָס די רעליגיעזע מיטלען קענען העלפען קראַנקע, פונקט ווי אַ טויטען—באַנקעס, העלפען אָבער דאָך תפילה טהון, נעהמען אַנטהייל אין צערעמאָניען און גיבען דאַמיט צו, דאָס אַן איבערנאַטירליכער איינפלוס קען העלפען ווייל דער מנהג, די גוטע זיטען ווילען עס אַזוי; פונקט אַזוי

ווי עס איז אַ גוטע זיטע צו קושען די פּאַנטאָפּעל פון'ם פּ אַ ב ס ט אָדער די הענט פון'ם פּרעלאַט (אַרכייערײ).

די רעגירונגס צייטונגען בעריכטען נאָכאַנאַנד,—אָבלאַ־בענדיג דערפון אין די אַרומגערינגעלטע שורות, דאָס די רע־גירונג אין כינאַ סטראַשעט אַ געוויסען גאָט איהם אָבצושאַפען, אויב ער ערפילט ניט די בעדירפניסע פון'ם לאַנד ווען, למשל, ער גיט ניט קיין רעגען, אָדער פאַלס ער מאַכט ניט, דאָס די קייזערליכע סאָלדאַטען זאָלען זיעגען א. ז. וו. די זעלבע צייטונגען דרוקען אָבער אויף זייער בעסטען פּלאַץ די רעגי־רונגס־ראַפּאָרטען, וועלכע—אַזוי ווי אין ענגלאַנד נאָך'ן זיעג פון ט ע ל ־ ע ל ־ ק ע ב י ר — בעשטימען דאָס אין אַ געוויסען טאָג וועט מען עפענטליך מיט פון דער רעגירונג בעשטימטע ווערטער גאָט דאַנקען דאַפיר, וואָס ער האָט זייער פאָלק געהאָלפען בייקומען אַן אַנדער פאָלק. וואָס איז דער אמת'ער אונטערשיעד צווישען די בעפעהלע פון דער כינעזישער רע־גירונג, וועלכע נעהמט צו פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן גאָט אַ טהייל פון זיינע קרבנות דערפאַר, ווייל ער האָט צוגעלאָזען, דאָס די עפּידעמיע זאָל זיך אַריינכאַפּען אין זייער אַרמעע, און צווישען די בעפעהלע פון דער ענגלישער רעגירונג, אויסצו־דריקען אַן א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן גאָט די עפענטליכע דאַנק־באַרקייט דערפאַר, ווייל ער האָט מוטהיג געקעמפפט פאַר די אינטערעסען פון דער ענגלישער פּאָליטיק אין עגיפּטען און זיך ארויסגעצייגט אַלס פריינד פון די ענגלענדער און אַלס פיינד פון די אַראַבער?ביידע בעפעהלע קומען אַרויס פון דער זעלבער קוועלע; נאָר די כינעזער האָבען מעהר מוטה און זיינען גערעכטיגער אַלס די ענגלענדער, וועלכע וואָלטען ניט געסמייעט, אין פאַל פון אַ מפלה, גאָט צו ערקלעהרען זייער אונצופרידענהייט דערפאַר, וואָס ער האָט פערגעסען זיין פפליכט צו די נאַציאָן, וועלכע פערעהרט איהם, אויף

אַזאַ אַן אופן, ווי זיי דאַנקען איהם דערפֿאַר, וואָס זיי האָבען געזיעגט.

איך האָב עס אויבען געזאָגט: מען קען ניט נאָכווייזען אַלע בעזונדערע ליגענס פֿון דער רעליגיאָן, מען מוז זיך בעגנוגען אויף אייניגע ביישפּיעלע, פֿאַלס מען וויל זיך ניט טויזענד מאָל ווידערהאָלען דאָס זעלבע. דיעזער ליגען דורכדרינגט און פֿערמאַסקירט אונזער גאַנצע, עפֿענטליכע און פּריוואַטע עקזיסטענץ. דער שטאַאַט זאָגט ליגען, ווען ער בעשטימט טעג צו תּפילה טהון, ווען ער בעשטעלט פּריסטער און בעראַטהע זיך מיט די רעליגיעזע מאַגנאַטען; דער ריכטער זאָגט ליגען, ווען ער פֿעראורטהיילט דערפֿאַר, וואָס מען לעסטערט גאָט אָדער מען בעליידיגט די רעליגיעזע חברות; דער היינטיגער געבילדעטער רב אָדער גלח זאָגט ליגען, ווען ער לאָזט זיך בעצאָהלען דערפֿאַר, וואָס ער נעהמט זיך אונטער צו האַנדלען און צו ריידען ווערטער, וועלכע ער ווייסט, דאָס זיי זיינען ניט מעהר, ווי אַ האָקוס־פּאָקוס צו פֿערדרייען אַנדערע די קעפּ אום זיי צו בעטריגען; דער אויפֿגעקלעהרטער בירגער זאָגט ליגען, ווען ער אַכטעט לפּנים די גייסטליכע, ווען ער לאָזט טויפֿען זיין קינד, אָדער איהם מל־זיין, ווען ער געהט אין דער קירכע אָדער אין שוהל אַריין און ווען ער איז זיך מתודה אויף זיינע עבירות. דאָס, וואָס די אַלטע, פֿערצייטיגע קולטור־פֿאָרמען טרעטען אַריין אין אונזער ציוויליזאַציאָן און די שטעלונג, וועלכע די גייסטליכע — דיזע אייראָפּעאישע אַבשעצונג, דאָס דער אַמעריקאַנער מעדעציןקינסטלער און דער אַפֿריקאַנישער אַלמאַמי (אַ מין בעל שם) האָבען איין ווערטה—שפּילען דיזעלבע ראָלע, דאָס איז אַן אונבעשטרייטבאַרער בעוויז פֿון'ם אונפֿערשעהמטען טריאומפֿף פֿון פֿייגהייט, דומהייט, הייכלעריי און היפּאָקריטיזם איבער די וואַהרהייט און איבער'ן ריינעם פֿערשטאַנד, דאָס דיעזעס

אַליין דאַרף זיין גענוג צו כאַראַקטעריזירען אונזער היינטיגע ציוויליזאַציאָן, אַלס דורך און דורך ליגען און בעטרוג, — צו בעווייזען, דאָס אונזער שטאַאַטליכער און געזעלשאַפֿטליכער אַרט לעבען קען ניט לענגער אָנהאַלטען.

ענדע.

איינינע ערקלעהרונגען.

1) די בלוטיגע מאַריע איז געוועזן קעניגין פֿון ענגלאַנד אין די 2-טע העלפֿט פֿון׳ם 16-טען יאָהרהונדערט: אין דער צייט פֿון איהר רעגירען (5 יאָהר) האָט זי געלאָזט פֿערברענען און פֿערפֿאָלגען מאַסען פּראָטעסטאַנטען.

2) די פּיוריטאַנער זיינען געוועזן די אַנהענגער פֿון אַ ריין רעליגיעזער סעקטע ווי, למשל, אין רוסלאַנד די סטאַראָווערצעס; זיי האָבען געהאַסט און פֿערפֿאָלגט אַלע איבריגע, וועלכע געהערען ניט צו זייער סעקטע.

3) נייע ענגלאַנד האָט געהייסען אַן ענגלישע קאָלאָניע אין נאָרד-אַמעריקאַ, אין וועלכער עס האָבען געוואוינט א סך פּיוריטאַנער.

4) פּיטהאַגאָראַ איז געוועזן אַ בעריהמטער גריכישער מאַטהעמאַטיקער. סאָקראַטעס, אַ גריכישער פֿילאָזאָף, וועלכער האָט געקעמפֿט געגען די סאָפֿיסטען („די גלאַטע צינגלאַך“ רופֿט מען דאָס ביי אידען) און איז נאַכהער פֿעראורטהיילט געוואָרען, ווערענדיג בעשולדיגט, דאָס ער זאָל האָבען אָבגעלייקענט די הייליגקייט פֿון די געטער, אַליין איינצונעהמען סם; פּלאַטאָ איז געוועזן זיינער אַ תלמיד.

5) שאָפּענהויער איז אַ בעקאַנטער דייטשער פּעסעמיסטישער דיינקער.

6) ווערעס, די פֿיער הייליגע ביכער פֿון די הינדוסען.

7) קינגס, די פֿינף רעליגיעזע און געזעצליכע ביכער ביי די כינעזער, וועלכע קאָנפֿוציוס זאָל האָבען פֿערפֿאַסט.

8) אַזירים, איז געוועזן אַ גאָט ביי די אַלטע עגיפּטיאַנער.

9) דער טינטער פֿון לוטהער, צו לוטהער, אַ רעליגיעזען רעפֿאָרמאַטאָר, איז אַמאָל צוגעשטאַנען דער ניט גוטער, בשעת ער האָט געשריבען. אום פֿון איהם פּטור צו ווערען, האָט איהם לוטהער אַ וואָרף געטהאָן זיין טינטער פֿערשווינדענדיג דורך׳ן וואַנד האָט דער אַבגעטונקטער טייוועל איבערגעלאָזען אַ גרויסען טינט-פֿלעק, וועלכער זאָל נאָך זיין צו זעהן עד היום.

אויפמערקזאם!

אין פערלאג פון דער גרופע „פרייהייט" זיינען פאלגענדע בראשורען צו בעקומען :—

דער מענש . . . . פון סעבאסטיאן פאָר
דער וואהרער ציעל פון אנארכיזמוס . . „ ב. סטיינלע.
דער שטאאט און זיין ראָלע אין דער געשיכטע „ פ. קראפאָטקין.
געדאנקען פון רעוואָלוציאָן . . . . „ פ. קראפאָטקין.

עס איז עבען ערשינען
די צווייטע אויפלאגע
„דער ליגען פון דער חתונה"
פון דר. מארקס נאָרדוי.

לעזט די נייע בראָשורע
„צום יונגען דור",
פון פ. קראפאָטקין

אלע בעשטעלונגען און געלדער צו אדרעסירען :—

L. BARON, 23, Philpot St.,

LONDON, E. (ENGLAND).